פֿאַר וואָס, האָב איך געטראַכט דעמאָלט, זײַנען די דאָזיקע וויכטיקע פּאָעטן אין משך פֿון פֿערציק־פֿופֿציק יאָר אַזוי פֿאַרעלטערט געוואָרן? איך האָב געוווּסט, אַז אַלטער ווײַן איז גוט, אָבער פֿאַרעלטערטער ווײַן טויג נישט. מיר האָט זיך אויך אויסגעדוכט, אַז מע ווערט עפּעס בײַ אונדז געבוירן שוין פֿאַרעלטערט. און נאָך מער האָט עס מיך פֿאַרוווּנדערט, ווען איך האָב געלייענט פּוילישע פּאָעטן, למשל מיצקעוויטשן. שאַפֿונגען געשריבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק, און ווי מעכטיק עס פֿליעסקען די שטראָפֿן. [...] איך האָב אויך דערפֿילט, אַז מײַנע חושים זײַנען זייער שפּירעוודיק, און יעדער פֿעלער אין אַ ליד שטערט מיר די הנאה, וואָס פּאָע־זיע מוז פֿאַרשאַפֿן. און איך האָב אַזוי לאַנג שטודירט ייִדיש ביז איך האָב זיך אַפֿילו אויסגעלערנט אַלט־ייִדיש און אָפּגעגעבן צוויי יאָר איבערצוזעצן אויף מאָדערנעם ייִדיש אליהו בחורס „באָווע־בוך". איך האָב אויך אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער אין אַלט־ייִדיש, גלײַכצײַטיק האָב איך אָנגעהויבן באַנוצן אַ סך נעאָלאָגיזמען, וואָרט־שאַפֿונגען, אַלץ פֿאַר דער מורא איך זאָל נישט פֿאַרעלטערט ווערן.

ווען ס'איז דערשינען מײַן ערשט בוך – ריכטיקער, מײַן צווייט בוך, „וואַלדיקס" – אין 1940, וואָס איז מסתּמא געווען דער לעצטער ייִדישער בוך אין אייראָפּע, ווײַל שפּעטער איז געקומען דער גרויסער חורבן, – האָט וועגן דעם בוך געזאָגט מײַן חבֿר פֿון „יונג ווילנע", טאַלאַנטפֿולער פּאָעט, אַ זייער טאַלאַנטפֿולער פּאָעט, שמשון כּהן, – האָט ער געזאָגט וועגן אָט דעם בוך מײַנעם „וואַלדיקס", אַז איך האָב אָנגעשריבן „די לײַדן פֿון יונגע ווערטער". [...]

אַ פּאָעט איז דער גרעסטער עקספּלואַטאַטאָר. די גאַנצע וועלט צווינגט ער צו אַר־בעטן פֿאַר זײַנע לידער. דאָס געוויין פֿון אַן ערשט געבוירן קינד און די גסיסה פֿון אַ זקן, די שטערן גיבן ליכט זײַנע ווערטער, און סײַ די שטילקייט, און סײַ דער שטו־רעם גיבן אים זייער געהיימען ריטעם. אַ גליוואָרעם איז פֿאַר אים אַזוי וויכטיק ווי די זון און אַ רעגנטראָפּן אויפֿן שויב ווי די ניאַגאַראַ, וועלכע איך האָב איצט געזען צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן.

seemed strange to me that these important Yiddish poets, who had lived forty or fifty years before[14] and were very famous, now seemed to me, when I read them for the first time, to be both linguistically and stylistically out-of-date.

Why, I wondered then, have these famous poets become so old-fashioned in the course of forty or fifty years? I knew that old wine is good, but that wine which is out-of-date is not. I formed the opinion that perhaps we [Yiddish poets] are born already out-of-date. My amazement intensified when I read Polish poets, for example Mickiewicz.[15] Their works were created hundreds of years earlier, and yet how powerfully their verses resound [...] I also perceived that my feelings are very sensitive, and every weakness in a poem disturbs for me the pleasure which poetry must give. So I studied Yiddish until I had even learned Old Yiddish and spent two years translating Elye Bokher's *Bovo-bukh*[16] into modern Yiddish. I also started writing poems in Old Yiddish,[17] but at the same time I started using many neologisms, word creations, all because I was afraid of becoming old-fashioned.

My first book – or, more accurately, my second book – *From the Forest*[18] appeared in 1940, and was probably the last Yiddish book to be published in Europe because soon after that came the great *khurbm*.[19] Shimshon Kahan, my friend from *Yung Vilne*,[20] a very talented poet, said about it that I had written "The sorrows of young *verter*."[21] [...]

The poet is the greatest exploiter of all. He forces the whole world to work for his poems. The crying of a newborn child and the death agony of an old man. The stars give light for his words, and both silence and storms give him their secret rhythms. A glowworm is as important for him as the sun, and a raindrop on a windowpane means as much to him as the Niagara Falls, which I have just seen for the first time in my life.

14 This is a slight exaggeration. Most of the most famous Yiddish poets he would have encountered at that time (apart from Yehoash) were only about fifteen or twenty years his seniors, and many were still alive when he started reading Yiddish poetry in the 1930s (See p. 237).
15 Adam Mickiewicz (1798–1855), famous Polish Romantic poet, dramatist, essayist and translator. His most famous work is the epic poem *Pan Tadeusz*.
16 The sixteenth-century בבֿא־בוך *Bovo-bukh*, written by Elye Bokher (pseudonym of Elia Levita, 1469–1549), is based on the Italian romance Bovo d'Antona, which is in turn based on the Anglo-Norman romance *Bevis of Hampton*.
17 Sutzkever 1963 (I): 201–204.
18 Sutzkever's first book לידער (*Lider* Poems) appeared in 1937. See p. 240.
19 חורבן (*khurbm*): destruction, devastation, disaster. The term is used in Yiddish for three great catastrophes in Jewish history: the destruction of the first and second Temples, and the Holocaust of 1939–1945.
20 Yung Vilne (יונג ווילנע, Young Vilna), a group of poets active in Vilna before the Second World War. See p. 239 for more detailed information on Sutzkever's relationship with them.
21 Shimshon Kahan is making a play on the Yiddish "*verter*" (words) and their homophone "Werther", the name of Goethe's tragic hero in the novella *Die Leiden des jungen Werther* (The Sorrows of Young Werther, 1774).

דער פּאָעט שאַפֿט שטענדיק, אויך אין חלום. ריכטיקער געזאָגט – אויך זײַן חלום שאַפֿט פֿאַר אים. ניט צו דערקלערן די סודות פֿון דער יצירה. מען קען צערגלידערן אַלע עלעמענטן פֿון וועלכע עס באַשטייט זײַן ליד, אָבער די פּראָטאָפּלאַזמע פֿונעם ליד, דער סוד וואָס מאַכט לעבעדיק אַלע עלעמענטן און פֿאַראייניקט זיי אין אַ האַרמאָניש לעבן איז אומדערקלערלעך. סלאָוואַצקי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער שרײַבט נאָר דאָס, וואָס מלאָכים זאָגן אים אונטער. און דאָס וואָס מען רופֿט דיכטערישע משוגעתן, האָבן אויך צו מאָל אַ טיפֿן זינען. דער בלינדער מילטאָן פֿלעגט ליגן אויף אַ קאַנאַפּע, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, און דעמאָלט, ווען זײַן בלוט איז אַרײַן אין קאָפּ, ווען ער פֿלעגט פֿון אייגענעם בלוט פֿאַרשיכּורט ווערן, פֿלעגט ער אימפּראָוויזירן זײַן „פֿאַרלוירענעם גן־עדן“. טורגעניעוו שרײַבט אין אַ בריוו צו זײַנעם אַ פֿרײַנד: „אין דער צײַט פֿון אַן אָפּעראַציע האָב איך געזוכט די ווערטער מיט וועלכע איך וואָלט קענען גענוי איבערגעבן דעם אײַנדרוק וואָס עס מאַכט דאָס מעסער, ווען ער שנײַדט זיך אַרײַן אין לײַב.“

און איך אַליין, ס׳איז שווידערלעך דאָס צו דערציילן, נאָר איך געדענק דאָס זייער גוט: דאָס איז געווען אין 1941, אין דער צײַט פֿון אַ שחיטה אין געטאָ, ווען איך בין געלעגן אויף אַ בוידעם באַהאַלטן, און בלויז אַ נאָדלליכט איז אַרײַן פֿון אויבן צווישן די דאַכלקעס, האָב איך געזען ווי [...] לעבן מיר, ליגט אַ טויטער ייִד. ס׳איז געווען הייס, איז געווען נאַקעט זײַן לײַב. האָב איך גאָר פֿאַרגעסן, אַז דאָ ליגט אַ טויטער, און כ׳האָב גאָר פֿאַרגעסן ווו איך געפֿין זיך אַליין, און אָנטאַפּנדיק מיט די פֿינגער אַ שטיקעלע קויל האָב איך גענומען שרײַבן ווי אויף פּאַפּיר אַ ליד אויפֿן לײַב פֿונעם טויטן.

אַ דיכטער, אמת געזאָגט, קומט ניט קיין דאַנק פֿאַר זײַן ווערק, ווי עס קומט ניט קיין דאַנק דעם קערנדל וואָס צעצווײַגט זיך שפּעטער אין אַ בוים פֿול מיט פּירות. ער גיט בלויז אָפּ דאָס, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן. זײַן שׂכר באַקומט ער ווערדליק דעם טעם און דער פֿאָרעם פֿון זײַנע פּירות, וואָס זײַן ווערק ברענגט אַרויס. ער שרײַבט אַ גאַנץ לעבן, דער פּאָעט, ער שרײַבט אָן אַ שיעור. ס׳איז אָבער זייער זעלטן ווען ער שרײַבט אָן אַ שיר.

אָבער וואָס איז אַ שיר, אַ ליד? דאָס איז דאָס, וואָס דער נבֿיא ישעיהו זאָגט: בורא ניב שׂפתים – איך שאַף דעם ליפּן־פּרוכט. ווו עס ענדיקן זיך אַלע מעגלעכקייטן, דאָרטן הייבט זיך אָן די קונסט. מען האָט געפֿרעגט רב ישׂראל פֿון רוזשין ווען עס

The poet never stops creating, even when he is dreaming. Or rather – even his dream creates for him, not to mention all the secrets of Creation. It is possible to analyze all the elements which make up his poem, but the "protoplasm" of the poem, the secret which breathes life into all these elements and unites them in harmony, is indescribable. Slowacki[22] declared that he only wrote what angels whispered to him. Even what is often described as the madness of poets sometimes has a deep meaning. The blind Milton[23] used to lie on a couch with his head hanging down to the ground, and it was then, when his blood flowed into his head, and intoxicated him, that he would improvise his "Paradise Lost". Turgenev[24] wrote in a letter to one of his friends: "During an operation I tried to find the words with which I would be able to convey exactly the impression the knife makes, as it cut into the body."

And I myself had an experience which is terrible to relate, but which I remember very clearly: in 1941, during a massacre in the ghetto, when I was hiding in an attic with only a tiny point of light coming in through the roof-tiles, I noticed, lying […] beside me, a dead Jew. It was hot, and the corpse was naked. I completely forgot that it was a dead man lying there, I forgot entirely where I was, and groping around with my fingers I found a little piece of coal and started writing a poem on the body of the dead man, as if it were paper.

To tell the truth, a poet does not deserve any thanks for his work, any more than a tiny seed which grows into a tree laden with fruit deserves thanks. The poet simply gives back what he has been given, and he receives a recompense according to the taste and form of the fruits which his work produces. He writes his whole life long, the poet, he writes without limit – but seldom without a poem.[25]

But what is a poem? It is what the prophet Isaiah describes when he says "I create the fruit of the lips."[26] Where all possibilities end, there art begins. When Rabbi Israel of Ruzhin[27] was asked when the Messiah would come,

22 Juliusz Slowacki (1809–1849), Polish Romantic poet and dramatist.

23 John Milton (1608–1674), English poet whose epic poem *Paradise Lost* was published in 1667. Milton was completely blind by 1654, and dictated his later works to amanuenses. Sutzkever's poem דער בלינדער מילטאָן (*Der blinder Milton*, Blind Milton; Sutzkever 1963 (II):374) was inspired by this anecdote.

24 Ivan Sergeyevich Turgenev (1818–1883), Russian novelist, short-story writer and playwright.

25 This is a word play on the two (almost) homonyms דער שיעור (*der shier*), meaning "limit, measure" and דער שיר (*der shir*), "the poem".

26 Isaiah 57: 19.

27 Israel Friedman of Ruzhin (1796–1850) was a Hasidic rebbe who established an influential court in Sadigura, Bukovina and later in Austria. Later dynasties of Hasidim were influenced by the traditions of his court.

ווען קומען משיח, האָט ער געענטפֿערט: די וואָס ווייסן זייַנען דאָס ניט מגלה, די וואָס זייַנען מגלה, ווייסן ניט. אַזוי איז אויך מיט פּאָעזיע. דאָס איז דער ענטפֿער. אָבער לאָמיך זיך פֿאָרט פּרווון צוהערן צו אָט דער געטלעכער קול. מיצקעוויטש האָט עס פֿאָרמולירט אַזוי: ווען ליבשאַפֿט אַזוי ווי דער ייַדוואָרעם וועבט מיטן אינגעווייד זייַן פֿאָדעם. אַנשטאָט ליבשאַפֿט וואָלט איך אפֿשר געזאָגט שיינקייט. וועבן שיינקייט.

וואָס איז פּאָעזיע? דאָס אַלץ וואָס דער גרויער מענטש ווייסט ניט, אַז ס׳איז פּאָעזיע. און אפֿשר איז געדעכט די גרויסע דיכטערין עלזע לאַסקער־שילער וואָס איז געשטאָרבן אין ירושלים אַ פֿאַרוואָגלטע, „טרוים פּלוס לאָגיק,״ האָט זי געזאָגט, „דאָס איז פּאָעזיע״!

איך וועל זיך דערלויבן צו ברענגען עטלעכע אייגענע געדאַנקען און אַפֿאָריזמען וועגן דיכטונג. דיכטונג באַפֿרייַט דעם מענטשן פֿון אינערלעכער פֿאַרשקלאַפֿונג. דערפֿאַר איז לייַכטער צו גיין צום טויט מיט אַ ליד. פּאָעזיע הייסט: באַפֿרייַען זיך פֿון די עמאָציעס און אַפֿילו באַפֿרייַען זיך פֿון דער פּערזענלעכקייט. אָבער באַפֿרייַען זיך דורך דיכטונג פֿון דער פּערזענלעכקייט קאָן נאָר אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט.

די מוזע באַפֿאַלט ווי אַ גזלן. בלויז מיט גוטע לידער קען מען זיך אויסלייזן דאָס לעבן. וואָס מער דער פּאָעט איז רעאַליסטיש, אַלץ ווייַטער איז ער פֿון דער רעאַליטעט, און וואָס מער דער פּאָעט איז פֿאַנטאַסטיש, אַלץ נענטער איז ער צו דער רעאַליטעט. לידער מוזן פֿאַרמאָגן אינהאַלטן. ניטאָ קיין אינהאַלטן קען מען ניט אויסהאַלטן.

בלויז יענע יונגע פֿרוי געפֿעלט מיר, ווען איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן אַז יאָרן וועלן באַזיגן איר שיינקייט. בלויז יענע דיכטונג געפֿעלט מיר, ווען איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן אַז יאָרן וועלן באַזיגן איר שיינקייט.

אַ נאַקעטער מענטש קאָן זיך כּמעט ניט פֿאַרטיידיקן, מעג ער האָבן אין האַנט אַ מעסער. אַזוי אויך אַ נאַקעט ליד. נאַקעט אין פֿאָרעם קען עס זיך ניט פֿאַרטיידיקן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דער צייַט און עס מוז באַזיגט ווערן. [...]

איך אַליין האָב געפּרוווט דעפֿינירן דעם סוד פֿון פּאָעזיע אין אַ גאַנצער ריי לידער. [...] דאָס ערשטע ליד, „דיכטונג״, האָט אַ שטיקל געשיכטע. זייַענדיק אין ירוש־לים צום ערשטן מאָל אין אַ רעגנטאָג... און ווער עס האָט געזען ירושלים אין אַ רעגנטאָג, וועט ניט פֿאַרגעסן סייַ ירושלים און סייַ דעם רעגן, ווייַל דער רעגן גייט עפּעס נידעריק און איר ווייסט ניט, וווּ איז אַ שטוב און וווּ איז אַ וואָלקן, און אַלץ טראָגט זיך אין אַזאַ מיסטישן געדריי, און איך האָב זיך געצוואָגן אין דעם רעגן און געטראַכט, ניט פֿאַר אייַך געדאַכט, וועגן פּאָעזיע. אָבער איך האָב נאָך ניט אַנט־פּלעקט דעם סוד. שפּעטער, ווען דער רעגן איז אַריבער און די זון האָט אָנגעהויבן באַגלעטן און אויסצוטריקענען די בערג און די וואַסערן פֿונעם רעגן זייַנען אַרייַן אונטן אין די אונטערערדישע קוואַלן, און ווען איך האָב פֿאַרנומען דעם גערויש

he answered: "Those who know do not reveal it, and those who reveal it, do not know." It is the same with poetry. That is the [correct] answer, but nevertheless, let me try to listen to that divine voice. Mickiewicz formulated it in this way: "to spin love just like the silkworm spins its thread from its own entrails."[28] Instead of "love", I would perhaps have said "beauty": the poet spins beauty.

What is poetry? Everything that the grey human being does not recognise as poetry. Perhaps the great poet Else Lasker-Schüler[29] who died, homeless, in Jerusalem was correct: "Dream plus logic", she said, "that is poetry!"

Let me take the liberty of presenting some of my own thoughts and aphorisms about poetry. Poetry frees the human being from inner slavery. For that reason going to one's death is easier with a poem in one's heart. Poetry means: freeing oneself from one's emotions and even from one's own personality. But to free oneself from one's own personality – only a poetic personality can achieve this.

The muse attacks like a bandit, and only with a good poem can one ransom one's life. The more realistic the poet is, the more distant he is from reality, and the more fantastic he is, the nearer to reality. Poems must have content, because one cannot be content without content.

I am only attracted to a young woman if I cannot imagine that the years will destroy her beauty. And I am only attracted to poetry if I cannot imagine that the years will destroy its beauty.

A naked human being can hardly defend himself, even if he has a knife in his hand. Nor can a naked poem. A poem which is not clothed in form cannot defend itself against the onslaught of time, and must be defeated. […]

I have tried to define the secret of poetry in a number of poems. […] The first of these, "Poetry," has a history attached to it. For the first time I was in Jerusalem on a rainy day… and whoever has experienced Jerusalem on a rainy day, will forget neither Jerusalem nor the rain, for the rainclouds are so low that you don't know where the buildings end and the clouds begin, and everything spins round in a mystical circle. I was letting myself be soaked by the rain and thinking (like the poetic fool I am!) about poetry. But I couldn't at that point manage to discover its secret. Later, when the rain had stopped and the sun had begun to caress and dry out the mountains, and the rain-

28 Mickiewicz: see footnote 15.
29 Else Lasker-Schüler (1869–1945), Jewish-German poet and dramatist whose work has affinities with that of the Expressionist movement. She lived in Berlin until 1937, then settled in Palestine. She described her feelings of isolation, which Sutzkever alludes to, in her late poems. Sutzkever wrote a poem about her (p. 147).

פֿון די קוואַלן אונטער דער ערד נאָכן רעגן, האָב איך בייַ זיך געטראַכט, אַז דאָס איז אייגנטלעך פּאָעזיע. ניט וואָס איך זע איצטער, נאָר דאָס וואָס איך האָב געזען, ס׳איז באַהאַלטן געוואָרן, און [...] איך אַן בלויז, איך הער בלויז די מיסטישע ווידער־קלאַנגען פֿון דעם וואָס איז געווען פֿריִער. האָב איך אָנגעשריבן, פֿאַרשטייט זיך, וועגן דעם דעמאָלט אַ ליד, דאָס איז געווען אין 1950.

**דיכטונג**

כ׳לעבן, ס׳איז געווען אַ העזה
צו קומען אויפֿן ציון־באַרג אין רעגן,
ווו ס׳קיניגט אין אַ פֿעסטונג פֿון חלומות
דער בעל־תּהילים,
און טראַכטן וועגן –
כ׳שעם זיך צו דערציילן – וועגן
דיכטונג.

און ס׳איז געווען דאָס טראַכטן, ווי אַ האַנט
וואָלט אויסגעוואַקסן דעמאָלט פֿון מייַן מילגרוימיקן שאַרבן,
אַ האַנט מיט פֿינף צעבליצטע אויגן אויף די שפּיצן פֿינגער.
און ס׳האָט די האַנט אַלזעעריש
געשוועבט אַרום דעם רעגן
ווי אַרום אַ יונגפֿרוילייַב,
און שיכּור פֿונעם פֿרעגן:
– וואָס איז דיכטונג?

צוריקוועגס, האָט אַ פֿייַגנבוים פֿאַרשטעלט
די נאַקעטקייט פֿון מייַן געדאַנק.
און אומגעשטילט, באַליידיקט,
בין איך אַראָפּ אין טאָל,
ווו ס׳האָט אַ בלישטשענדיקע יאַשטשערקע
אָפּגעקלעקט איר נאַסקייט אָן אַ שפּיץ פֿון רעגנבויגן.

ווען ס׳איז ניט געבליבן שוין קיין סימן
פֿונעם גאַנצן רעגן, האָב איך מיט אַ מאָל דערהערט
ניגונים, שטימען – – –
פֿלייצעניש פֿון ווייַנענדיקע פֿידלען אונטער דר׳ערד.

water had flowed down into the underground springs, I heard the sound of these springs under the earth after the rain, and thought to myself that this, really, was poetry. Not what I see now, but what I have seen, that is now hidden, and I simply sense, I just hear the mystical echoes of what has been before. I had this experience in 1950, and naturally I wrote a poem about it:

Poetry [30]

Indeed, it was audacious
to come up to Mount Zion in the rain,
where the writer of the Psalms
rules in a fortress made of dreams,
and think about –
I am ashamed to tell it –
think about poetry.

And as I thought, it was as if a hand
had grown out of my pomegranate skull,
a hand with five flashing eyes
upon its fingertips.
Then, like a visionary, the hand
floated over the rain
as if it were the body of a virgin,
It was intoxicated by my question:
What is poetry?

On the way back, a fig tree covered
the nakedness of my thought.
So, unsatisfied, offended
I descended to the valley,
where a gleaming lizard
dried off its wetness on the corner of a rainbow.

When no sign of the rain remained,
all at once I heard
melodies, voices – – –
a surging flood of weeping fiddles underneath the earth.

30 Sutzkever 1952: 96 f; 1963 (II): 87 f.

יענע אונטערערדישע אומזעעוודיקע שטראָמען,
יענע, וואָס צום טאַטע־רעגן זוכן זיי אַ ריכטונג –
ווי זאָל איך זיי אָנרופֿן בײַם נאָמען?

– דאָס איז דיכטונג!

און נאָך אַ קורץ ליד, וועגן זעלבן ענין:

אײַנגעמען שטחים פֿון צײַט מיטן וואָרט,
זאַלבן אויף זיי דײַנע זוויבערע זילבן;
וויקלען אין קלאַנגען־רצועות די מוסקלען,
אָנטאָן אַ שטילקייט אין ערדישע הויטן,
שפּאַלטן אַ גראַם ווי אַ מילגרוים און טרינקען,
לאָזן די גלידער פֿאַרשווימען אין לידער
ביז דײַנע לידער אויף ס׳נײַ ווערן גלידער –
אָט צוליב דעם ביסטו, ייִנגל, באַשאַפֿן.

און נאָך עפּעס וועגן פּאָעזיע וואָס איך האָב געשריבן:

**פּאָעזיע**

אַ טונקל־פּיאָלעטע פֿלוים
די לעצטע אויפֿן בוים,
דין־הײַטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל,
וואָס האָט בײַ נאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעונג, צאַפּל,
און מיטן מאָרגן־שטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער –
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל ניט זען קיין סימן פֿון די פֿינגער.

אָדער אפֿשר איז גאָר פּאָעזיע – דערהייבן די וואָכעדיקייט צו כּולו שבת ווי דאָס האָט געוואָלט אונדזער פּרץ אין זײַן „גאָלדענע קייט״? דיכטונג – דאָס איז די האַר־מאָניע פֿון אַלע סתּירות, דער שלום צווישן טויט און לעבן, די פֿאַרקנסונג פֿון פֿאָ־רעם און אינהאַלט, פֿון עטיק און עסטעטיק. זאָל דאָס ניט פֿאַרשטאַנען ווערן אַז

Those unseen subterranean streams
seeking a way to reach the rain, their father –
What name should I give them?

– *That is poetry!*

And here is another short poem on the same theme[31]:

To conquer domains of time with the word,
anointing your spotless pure syllables with them;
to bind all your muscles in *tefillin*[32] of music,
and clothe your earthly skin in silence,
to split open a rhyme like a pomegranate, drink it,
and let all your limbs melt away into poems
until all your poems become limbs once again –
It was for this, lad, that you were created.

And another poem I wrote about poetry:

Poetry[33]

A ripe, dark purple plum
the last one on the tree,
thin-skinned and tender as the pupil of an eye,
which has by night extinguished in the dew
love, vision, trembling,
and with the morning star, the dew grew lighter, did not linger –
that is poetry. Touch it so gently
that not a trace remains there of your finger.

Or perhaps poetry consists of elevating the humdrum into a pure Sabbath, as our Peretz tried to do in his *Goldene keyt*?[34] Poetry is – all contradictions brought into harmony, peace between death and life, the fusing of form and content, of ethics and aesthetics. This does not mean that I want to preach a

31 Sutzkever 1957: 76; 1963 (II): 331.
32 תּפֿילין, *tefillin*: phylacteries.
33 Cf. p. 151.
34 I. L. Peretz, *Di goldene keyt* (The golden chain), 1909. In the play a Hasidic rabbi attempts to hasten the coming of Redemption by prolonging the Sabbath, and refusing to allow the week to start.

איך גיי פֿריידיקן עסטעטיזירטע קונסט, חלילה. כ׳האָב געהאַט אַ מאָל אַ חבֿר אין „יונג ווילנע״, לייזער וואָלף האָט ער געהייסן. האָט ער מיך אַ מאָל אָפּגעהאַלטן אויפֿן גאַס און מיר אַ פֿרעג געטאָן:

– זאָג מיר, האָט ער געפֿרעגט, וואָס איז עטיק און וואָס איז עסטעטיק? איך בין געבליבן צעטומלט אין דער זומערדיקער היץ. און איידער כ׳האָב באַוויזן צו ענטפֿערן, האָט שוין לייזער וואָלף פֿאַר מיר געענטפֿערט אַליין. און ער האָט אַזוי געענטפֿערט:

– עטיק איז עטיק, און עסטעטיק – עסט־עטיק.

איך מיין ניט, חלילה, צו פֿריידיקן די עטיק וואָס עסט עטיק, איך מיין יע אַז אַ ייִדישער דיכטער דאַרף ברענגען אין זיין געזאַנג יענע היילנדיקע שיינקייט וואָס גיט כּוח צו לעבן. אַ שיינקייט וואָס איז גלייַכצייַטיק אַ ליבשאַפֿט צו אַל דאָס אמתע און דערהויבענע וואָס צוזאַמען מיט שפּינאָזעס אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט איז זי, טאַקע זי, די אינטעלעקטועלע ליבע צום מענטש, צום ייִד און צום ייִדישן פֿאָלק.

ווען איך רייד וועגן עסטעטיק, מיין איך אָט וואָס פֿאַר אַן עסטעטיק: ווען די לעצטע ווילנער ייִדן האָבן זיך געפֿונען באַהאַלטענע אין די קאַנאַליזאַציע־רערן [...], און איך בין דאָרט געווען, האָב דאָרט געוואָגלט, און דער שטאַרקסטער אייַנדרוק פֿון די שטאַרקסטע אייַנדרוקן איז ביי מיר געבליבן אַ צימערל אונטער דער ערד, אין די קאַנאַליזאַציע־רערן, און די ייִדן וואָס האָבן דאָרטן געוווינט... (אַגבֿ דער וואָס האָט עס אויסגעבויט געפֿינט זיך איצט אין טאָראָנטאָ, כ׳האָב אים באַגעגנט, גרשון אַבראַמאָוויטש, וואָס ער איז איינער פֿון די העלדן פֿון מייַן פּאָעמע „געהיימשטאָט״). וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם איז אין אָט יענעם צימערל וואָס לשם אייַנגענעמקייט האָט מען אויסגעקאַלכט די ווענט, און דאָס וואָלט געווען געגוג אַז ייִדן האָבן נאָך געהאַט דעם חוש, ליגנדיק אין דער ערד, אויסצוקאַלכן נאָך די ווענט. אָבער דאָס איז ווייניק. פֿאַרוווּנדערט האָט מיך דאָרטן דער בלויער שלעקעלע אויבן וואָס איז געמאַכט געוואָרן. דאָס מיין איך ווען איך רייד וועגן עסטעטיק. אַזאַ שיינקייט, אַ געפֿיל פֿון שיינקייט וואָס שטאַרקט דעם מענטשן, וואָס גיט אים כּוח איבערצולעבן שיינקייט, וואָס גיט אים כּוח זיך צו פֿרייען מיטן לעבן.

אָבער איבער אַלץ, ווי מיר דאַכט, איז דיכטונג פּערזענלעכקייט. וואָס גרעסער די דיכטערישע פּערזענלעכקייט, אַלץ אוניווערסאַלער איר דיכטונג. עס גילט פֿאַרן

kind of aesthetisized art, God forbid! I once had a friend in *Yung Vilne* called Leyzer Volf.[35] He once stopped me in the street and asked me a question:

"Tell me," he said, "what is ethics and what is aesthetics?" I stood there, feeling rather stupefied in the summer heat. Before I could answer, Leyzer Volf answered the question himself:

"Ethics is ethics, and aesthetics – eats ethics."[36]

I certainly do not mean to preach the kind of aesthetics which "eats ethics", but I do believe that a Yiddish poet must bring into his song that healing beauty which gives us the strength to live: beauty that at the same time means love for all that is true and sublime. Combined with Spinoza's[37] intellectual love of God, this indeed constitutes intellectual love for the human being, the Jew and the Jewish people.

When I speak of aesthetics, this is the kind of aesthetics I mean: when the last Jews of Vilna were hiding in the sewage system […], I was there, I wandered about there, and the greatest of all the powerful impressions this experience made on me remains that of a little chamber under the earth, among the sewage pipes, where the Jews lived. (By the way, the man who hollowed it out, Gershon Abramovitsh, now lives in Toronto. I met him. He was one of the heroes of my *poeme* "Secret City")[38]. The thing that made a huge impression on me was that in order to make it pleasanter, they had whitewashed the walls of that tiny room. That fact alone, that Jews crouching underground had retained such a strong sense of beauty that they whitewashed the walls, would have been enough. But there was more. I was astonished to see the blue canopy that had been installed there[39]. This is what I mean by aesthetics: this concept of beauty, a feeling for beauty that empowers the human being and gives him the strength to experience beauty [even in such a situation] and to rejoice in his life.

But more than anything, it seems to me, poetry is personality. The greater the poetic personality, the more universal his poetry. Ibsen's[40] dictum: "Be

35 Leyzer Volf (1910–1943), one of the founding members of the group *Yung Vilne* (see footnote 19), was a prolific poet now best known for his satirical and parodic verse.

36 In Yiddish: עטיק איז עטיק, און עסטעטעטיק – עסט עטיק (*etik iz etik, un estetik – est etik.*) Leyzer Volf's answer is a pun, as the verb "esn" (third person singular: "est") means "to eat."

37 Baruch Spinoza (1632–1677), Dutch-Jewish philosopher of Sephardic-Portuguese origin, seen as one of the great Rationalists.

38 Cf. fn. 8.

39 Cf. Sutzkever 1947: 140.

40 Henrik Ibsen (1828–1906), Norwegian playwright, poet and theatre director.

פּאָעט דער איבסעניִשער פּאַרזאָג: זײַ װער דו װילסט, נאָר זײַ ביזן סוף. ס׳איז אָבער אַ גרױסע קונסט זיך צו דערקענען אױף אַ דיכטער. װי זאָגט ערגעץ משה נאַדיר: ניט אַלץ װאָס גלאַנצט ניט איז גאָלד.

נאָך פּלאַסטישער װעגן דעם באַטײַט פֿון פּערזענלעכקײט האָב איך געלײענט אין קאָראַן: איר װײסט דאָך, איך בין ארץ־ישׂראלדיקער בירגער, [...] קומענדיק אין לאַנד גענומען לײענען דעם קאָראַן. [...] איך האָב געפֿונען דאָרטן אײניקע פּסו־קים, װאָס האָבן מיך דורכגעציטערט, דורכגעציטערט בין איך געװאָרן לײענדיק זײ. אין אײן טײל רעדט זיך װעגן דער פּערזענלעכקײט. דאָרט װערט עס גערעדט אין צוזאַמענהאַנג מיט די רשעים. װאָס װעט מען טאָן מיט די רשעים װען זײ װעלן קו־מען אױף יענער װעלט? זאָגט דאָרטן דער בעל־הקאָראַן אַזױ: מע װעט אױסשטעלן די רשעים אין אַ רײ, און עס װעט צוקומען אַ שליח אָדער אַ מלאך און מיט ברע־נענדיקן לײם װעט ער פֿאַרשמירן אַלעמענס פּנימער, אײן פּנים זאָל זײַן פּונקט װי דער צװײטער. די גרעסטע קללה – אַנטפּערזענלעכן! צונעמען די פּערזענלעכקײט. דאָס איז, לײַדער, די קללה ניט פֿון יענער װעלט, נאָר פֿון אונדזער צײַט. װען דער מענטש פֿאַרלירט זײַן פּערזענלעכקײט אױף דער װעלט.

איך װיל אײַך דערצײלן װעגן אַ פּאָעט װאָס האָט געשריבן װעגן דעם זעלבן ענין אױף אַ מערקװירדיקן אופֿן. און דער פּאָעט איז פֿון ייִדישן אָפּשטאַם. זײַן נאָמען איז לעשמיאַן, באָלעסלאַװ לעשמיאַן. געבױרן אין זאַמאָשטש, אין דער זעלבער שטאָט װאָס פּרץ. ער איז שױן, דאַכט זיך, געבױרן ניט קײן ייִד, אָבער פֿון ייִדישע עלטערן. ער איז אײנער פֿון די גרעסטע פּױלישע פּאָעטן. איך האָב אים געקענט, האָב אים געזען אין װאַרשע אין זעקס און דרײַסיקסטן יאָר. אַ נידעריקער, געװען אַ פּראָװיזאָר אין אַן אַפּטײק. האָט װער אים אָנגעקוקט האָט קײנער זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז ער איז אײנער פֿון די גרעסטע פּאָעטן אין פּױלן און אפֿשר אײנער פֿון די גרעסטע אין דער װעלט, לױט מײַן געפֿיל, לױט מײַן געשמאַק. אַ פּאָעט װאָס האָט באַשאַפֿן אַן אײגענע שפּראַך און אַן אײגענע מיטאָלאָגיע, דורכגעברענט מיט אַ פֿאַנטאַסטיק װאָס קען זיך פֿאַרגלײַכן נאָר מיט אַ באָדלער צי עדגאַר פּאָ. איז אָט דער באָלעסלאַװ לעשמיאַן האָט ערבֿ דער צװײטער װעלט־מלחמה, אין 1937, אָנגעשריבן אַ טראַק־טאַט װעגן פּאָעזיע. ס׳הײסט טאַקע אױף פּױליש אַזױ – Traktat o poezji. ער האָט דאָס געזאָלט פֿאָרלײענען אין דער אַקאַדעמיע אין קראָקע, אָבער אַ טאָג צי עטלעכע טעג פֿאַר דעם איז ער געשטאָרבן, און דער כּתבֿ־יד איז געבליבן ליגן. ער איז טאַקע געװען שױן ניט קײן ייִד, אָבער די דײַטשע האָבן מיט דעם זיך ניט גערעכנט, און זײַן טאָכטער און זײַן פֿרױ זײַנען פֿאַרשפּאַרט געװאָרן אין װאַרשעװער געטאָ. און צוזאַמען מיט זײ דער כּתבֿ־יד. די טאָכטער איז, דאַכט זיך, אױך אַ געװיסע צײַט געװען אין ארץ־ישׂראל, מע האָט זי גראַטעװעט, און אין ענגלאַנד, אין יאָרן אַרום, אין לאָנדאָן איז דערשינען דער דאָזיקער טראַקטאַט. דאָס איז אַ מערקװירדיקע שאַפֿונג און עטלעכע אױסצוגן װיל איך פֿאַר אײַך איבערדערצײלן, איבערלײענען, װײַל עס קלינגט װי אַ נבֿואה.

who you want to be, but [carry it through] right to the end," applies to the poet. There is, however, a great art in recognizing oneself as a poet. As Moyshe Nadir[41] said somewhere: "Not all that does not glisten is gold."

In the Qur'an I read something even more vivid about personality: you know that I am an Israeli citizen, […] and when I first came to the country, I started reading the Qur'an. […] I found there some verses which made me tremble when I read them. There is one part where it speaks of personality, in the context of evildoers. What will happen to the wicked when they arrive in the world to come? The writer of the Qur'an says: they will be made to stand in a row, and a messenger or angel will come with burning lime, with which he will smear their faces, so that they all look the same. The greatest curse – to depersonalize! Removing the personality is, unfortunately the curse, not of the world to come, but of our time, when the human being is losing his personality in this world.

I want to tell you about a poet who wrote about the same issue in an extraordinary way. This poet is of Jewish origin. His name is Bolesław Leśmian.[42] He was born in Zamość, the same town as Peretz. I believe he was not born as a Jew, although he had Jewish parents.[43] He is one of the greatest Polish poets. I knew him, I saw him in Warsaw in 1936. He was a small man who worked as a pharmacist. If you looked at him you would never have imagined that he was one of the greatest poets in Poland or perhaps in the world – that is, according to my opinion and taste. He was a poet who created his own language and mythology that burned with a fantasy reminiscent of Baudelaire or Edgar Allan Poe. Before the Second World War, in 1937, Bolesław Leśmian wrote a tractate about poetry – it is called in Polish *Traktat o poezji*. He was to do a reading in the Academy in Krakow, but the day before, or a few days before, he died, and the manuscript was abandoned. Though he was not [officially] Jewish, the Germans ignored this and his wife and daughter were imprisoned in the Warsaw ghetto. They had the manuscript with them. The daughter was saved and, I believe, spent some time in Israel, and years later Leśmian's tractate appeared in London. It is an extraordinary work, and I would like to tell you about some extracts, to read them to you, because they sound like a prophecy.[44]

41 Moyshe Nadir, (pseudonym of Yitskhok Rayz 1885–1943), born in Eastern Galicia, emigrated to New York in 1898. Became famous as a Yiddish humorist and satirist.

42 Bolesław Leśmian (1877–1937), one of the most influential poets of the early 20th century in Poland.

43 It is clear that Sutzkever means that he was not registered or brought up as a Jew.

44 In fact Sutzkever only reads this one short statement from Leśmian's tractate!

אַזוי זאָגט דאָרט לעשמיאַן אין דעם טראַקטאַט וועגן פּאָעזיע: „ניצשע זאָגט אַרויס אין איינעם פֿון זײַנע ווערק אַזאַ אַפֿאָריזם: וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן דער פֿרוי, איז אמת. מיר קענען איבעראַנדערשן און איבערקערן דעם זאַץ: וואָס מע זאָל זאָגן וועגן פּאָעזיע, וועט זײַן ניט אמת." פּאָעזיע מײַדט אויס יעדע באַצײַכענונג. אַ באַצייכענונג איז פֿאַר דער פּאָעזיע אַ מין גלעזערנע טרונע וועלכע טויט מיט איר דורכזיכטיקייט.

איך האָב געזען אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן בוטשאַנען וואָס האָבן זיך געדרייט אויף דער פֿרײַ און ניט געוויזן קיין חשק אַוועקצופֿליִען. ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אין דעם רוים פֿון גאָרטן האָט זיך געהאַלטן די אינסטינקטיווע צוגעבונדנקייט צום שטיקל ערד און צום עסן. איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. דער היטער פֿון באָ־טאַנישן גאָרטן האָט מיר דערקלערט אַז כּדי זיי צוצושמידן צום אָרט, האַקט מען אונטער מיט אַ שער אַ געוויסן טייל פֿון זייערע פֿליגל. און דעריבער קענען ניט די פֿייגל באַנוצן זייערע פֿליגל. אַ מאָל דערמאָנען זיי זיך וועגן זייער אײַנגעבוירענער באַפֿליגלטקייט און מיט פֿלוצעמדיקן גלויבן פּרוּוון זיי זיך אַ הייב טאָן – אָבער אומזיסט. זיי פּאָכען נאָר אויפֿן אָרט מיט די פֿליגל, אָבער פֿליִען קענען זיי שוין ניט. מע האָט זיי אײַנגעשפּאַרט אין גאָרטן מיט אויבנאויפֿיקער באַפֿליגלטקייט און מיט כּלומרשטער פֿרײַהייט, אַזוי אַז ס'איז שווער מיטן ערשטן בליק צו באַנעמען דעם ווייטיקדיקן סוד פֿון זייער ערדישן זײַן, פֿון זייער רירעוודיקן אָבער תּפֿיסהדיקן דרייען זיך אין פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון זאָאָלאָגישן גאָרטן.

אָדער מען איז אַ פֿויגל, אָדער מען איז ניט. קיין האַלבע פֿויגל זײַנען ניט פֿאַראַן. ניט־קיין־פֿולקומענע פֿליגל הערן אויף צו זײַן פֿליגל. אָדער דאָס וואָרט באַפֿרײַט זיך פֿון די געדאַנקען־צוימען [אָדער] ס'נעמט אויף זיך מיטן אייגענעם ווילן די קייטן.

ס'באַווײַזט זיך אַ שול וואָס האַלט אַז מען דאַרף שרײַבן מיט ניט־באַפֿרײַטע ווערטער, מיט אידעיִש־צוזאַמענגעשאַפֿענע זאַצן, אַזוי, אַז דער געדאַנקען־אינ־האַלט זאָל הערשן אין זאַץ איבער דעם ניט־עמאַנסיפּירטן וואָרט. [...] דער מין פּאָעזיע שטרעבט אונדז צו פֿאַרכּישופֿן ניט מיט דעם צויבער פֿון ווערטער נאָר מיט דעם אינהאַלט פֿון זאַצן. די ווערטער און לידער פֿון אַזעלכע פּאָעטן פֿאַרלירן זייער אמתדיקע זעלבסטשטענדיקייט, זייער געפֿילמעסיקע אומאָפּהענגיקייט, די לידער באַפֿרײַען זיך פֿון די שעפֿערישע קאַפּריזן, פֿון די ניסים און ווונדערס אין דער איבערצײַגונג אַז פֿאַרכליניעט מיט אַלגעמיינע אידעיִש־באַצייכנטע זאַצן וועלן זיי באַקומען ערנסטקייט, געזעלשאַפֿטלעכע וויכטיקייט און וועלן זיך פֿאַרלײַכטערן דעם וועג צו די נשמות פֿון דער ברייטער געזעלשאַפֿט.

אַזאַ פּאָעט באַמיט זיך ניט אויסצוטיילן, נאָר צו זײַן ענלעך צו דער סבֿיבֿה. אַנשטאָט צו שטרעבן צום נײַעם, וואָס אין קונסט מיינט עס ניט איבערגעחזרטע אינדיווידואַליטעט, שטרעבט דער פּאָעט צו דעם קעגנזאַץ. וועגן קונסט ווייסן נאָר די פּאָעטן וועלכע קוקן מיט [...] חוצפּהדיקייט אין וועלט דורך אַ מאָדערנער ניט־אויסגעפֿונענער לאָרנעטע אין דער איבערצײַגונג אַז זיי דערנענטערן זיך צו דער פֿאַרפֿולקומטער צוקונפֿט.

Thus Leśmian says in his tractate about poetry: "Nietzsche writes this aphorism in one of his works: 'Whatever one says about woman, is true.' We can alter this sentence and turn it round: 'Whatever one says about poetry, will not be true.'" Poetry resists any definition. A definition is for poetry a kind of glass coffin, which kills with its transparency.

In a zoological garden I once saw storks that were roaming freely and showed no desire to fly away. I had the impression that in the garden they had an instinctive feeling of connection to that little piece of earth and to their food. But I was wrong. The storks' keeper explained to me that in order to chain them to that place, they cut off part of their wings with scissors, so that they cannot use them. Sometimes the birds remember their innate winged state, and, inspired by a sudden faith, they try to fly – but in vain. All they can do is stand and flap their wings, but fly they cannot. They have been imprisoned in the garden, apparently free to fly, so that at first glance it is is difficult to perceive the painful secret of their earthbound state, and the touching significance of their, captive, restless roaming around in the enchanted circle of the zoological garden.

Either one is a bird, or one is not. There are no such things as "half-birds". Incomplete wings are not wings any more. Either the word liberates itself from the confines of thought or it accepts the chains of its own free will.[45]

There is a school of thought which believes that one should write with unfree words, with sentences whose ideas hang together logically, so that in the sentence the thought content has precedence over the unemancipated word. [...] That kind of poetry tries to enchant us not with the magic of words but with the content of sentences. The words and poems of such poets lose their true self-sufficiency, their emotional independence, the poems liberate themselves from creative caprices, from miracles and wonders, because of the [poet's] conviction that when choked up with sentences of a general ideological nature they will take on seriousness and social importance, which will ease their path to the souls of the wider society.

A poet like this does not try to be distinctive, but to fit in with his environment. Instead of striving towards the new, which in art means unrehearsed individualism, that poet aspires to the opposite of this. The only poets who know anything about art are those who look [...] daringly at the world through a modern, still uninvented lorgnette, convinced that they are drawing closer to the perfect future.

45 Sutzkever actually says here "Either...and", but he clearly means to make the contrast between the the "confined" word and the "emancipated" word.

דער אומגלויבן אין יחיד אין זייַן אייגנאַרטיקייט און דער גלויבן אין קאָלעקטיוו אין אָפּטע גרויע זיך איבערחזרנדיקע דערשייַנונגען מוז סוף־כּל־סוף דערשטיקן די אומאָפּהענגיקע פֿרייַע מאַכט פֿון דער מענטשלעכער נשמה. די כּוחות וואָס זייַנען ביז איצט געווען אַ באַצייכענונג פֿון אויספֿעלן אין יעטצטיקן טאַלאַנט ווערן אַ טאַלאַנט פֿון נייַע פּאָעטן, און זייער באַרימטע אייגנשאַפֿט איז רעכט צום טאַלאַנט. (דאָס זייַנען נבֿאיִשע ווערטער.)

דער כּוח און ווונדער פֿון דיכטונג און פֿון ייִדישן לשון האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר דער עיקר אין ווילנער געטאָ. דאָרט האָב איך באמת געקענט זאָגן: „החיים והמוות בידך ייִדיש לשון“. די שפּראַך, מייַן ייִדיש, איז געווען דער כּישוף־פּאַנצער אָן וועלכן ס׳האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די פֿייַלן פֿון טויט. מיטן ליד בין איך אַפֿילו אין געטאָ געווען אַ פֿרייַער מענטש. פֿרייַ ביז דער אומענדלעכקייט.

איך דערמאָן זיך אין סעפּטעמבער 1941, ווען מיטן לעצט געבליבענעם ווילנער רבֿ, רבֿ גוסטמאַן (איצט אַ ראָש־ישיבֿה אין ניו־יאָרק), ווען אונדז ביידע האָט מען געפֿירט שיסן צו די שעסקינער בערג. ס׳איז געווען פֿאַר טאָג, גאָלדענער פֿרי, און מע האָט אונדז געפֿירט צווישן פֿאַרלאָזענע גערטנער. ייִדן זייַנען שוין ניט געווען, די גע־רטענער זייַנען ווילד פֿאַרוואַקסן געוואָרן, און איך... גייענדיק צום טויט, האָב איך מיט אַ מאָל פֿאַרקוקט אויף די גרויסע טויען, אויף די גרינע קרויטבלעטער. כ׳האָב דעמאָלט בייַ זיך געטראַכט: קוק זיך אייַן, דו נאַר, וואָס האָט געלעבט באַלד דרייַסיק יאָר און האָסט קיין מאָל ניט באַמערקט, אַז אויף קרויטבלעטער זייַנען די טויען אַזעל־כע גרויסע, גרעסער פֿון אומעטום. דאָס האָב איך דעמאָלט געטראַכט.

און ווען מען האָט אונדז ביידן אַרויסגעפֿירט אין די בערג, אויף שעסקינער בערג און מען האָט אונדז געהייסן גראָבן פֿאַר זיך אַ גרוב, און איך האָב געגראָבן די גרוב, און דערזען אַ ווערעמל און צעשניטן דעם ווערעמל, גראָבנדיק, האָב איך געטראַכט בייַ זיך: קוק זיך אייַן, אַ קליין ווערעמל, דו צעשנייַדסט אים, הערט ער ניט אויף צו לעבן, פֿאַרקערט, ס׳ווערן צווייַ ווערעמלעך, און ווייַטער אַ שניט – ווערן דרייַ. און דעמאָלט האָב איך טאַקע אָנגעשריבן אָט דאָס ליד „עקזעקוציע“. אָנגעשריבן אין קאָפּ, און שפּעטער, ווען איך בין געבליבן לעבן, ווי איר זעט, ווייַל מע האָט געשאָסן איבער אונדזערע קעפּ, מע האָט זיך געוועלט אַזוי צו זאָגן אַ ביסל אָנשפּילן מיט אונדז, נאָך דעם האָט מען אונדז געפֿירט דעם זעלבן טאָג אין געטאָ, – האָב איך פֿאַרצייכנט אָט יענע איבערלעבונג.

Lack of faith in the individual and his originality and the [contrary] belief in the collective, in its often grey, repetitive manifestations, must in the end stifle the free independent power of the human soul. The powerful features which until now have been used to denote a lack of contemporary talent will be considered a positive aspect in new poets, and their well-known characteristics will be accepted as talent. (These are prophetic words.)

The power and the wonder of poetry and of the Yiddish language revealed themselves to me above all in the Vilna ghetto. There I was able to say truly: "Life and death are in your hands, Yiddish language."[46] The language, my Yiddish was the magic armor which repelled the arrows of death. With my poetry I was a free man, even in the ghetto. Free for all eternity.

I remember how in September 1941 I was taken, together with Rabbi Gutsman, the last rabbi in Vilna, (who is now the head of a yeshiva in New York), to be shot in the Šeškinė hills. It was dawn, a golden morning, and we were led along between deserted gardens. There were no Jews left there, the gardens were very overgrown, and I – on the way to my death – suddenly began to stare at the large amount of dew on the green cabbage leaves. At that moment I thought to myself: "Have a good look at it, you fool, who have been alive for almost thirty years and haven't ever noticed that on cabbage leaves there is more dew than anywhere else." That is what I was thinking at that moment.

And when they led us both into the hills and told us to dig a trench for ourselves, and I was digging the trench, I spied a little worm which, as I dug, I cut in two, and I thought to myself: "Look at this little worm, when you cut him in two, he doesn't stop living, in fact the opposite: he becomes two worms, and with another cut, there are three." And in my head I wrote my poem "Execution".[47] I did survive, as you see, because in fact they shot over our heads – they just wanted to have a little game with us, so to speak, and led us back to the ghetto the same day – and later I wrote down this experience:

46 החיים והמוות בידך ייִדיש לשון (*hakhayim vehamoves beyadekh, yidish loshn*) This is a variation of a common Hebrew saying: החיים והמוות ביד הלשון (*Hakhayim vehamoves beyad haloshn*, Life and death are in the hands of language), denoting the power and importance of words. This Hebrew saying is in turn a slight misquotation of Proverbs 18: 21: מות וחיים ביד־לשון ואהביה יאכל פּריהּ (*Moves vekhayim beyad-loshon veohaveyho yokhal piryoh*, Death and life are in the power of the tongue: and they that love it shall eat the fruit thereof.)

47 First published in Sutzkever 1945: 48, then as second section of אַ טאָג בײַ די שטורמיסטן (*A tog bay di shturmistn*, A day with the storm troopers) in Sutzkever 1948 b: 29; Sutzkever 1953 b: 116; Sutzkever 1963 (I): 254; Sutzkever 1968a: 22 f.

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט,
זוך איך בעת־מעשׂה אין דר׳ערד אויך אַ טרייסט.

אַ גראָב און אַ שניט, און אַ ווערעמל קליין
עס צאַפּלט פֿון אונטן – דאָס האַרץ קען צעגיין.

צעשנייַדט אים מייַן רידל און – ווונדער דערבײַ –
צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דרײַ.

און ווייַטער אַ שניט ווערן דרײַ, ווערן פֿיר,
און אַלע די לעבנס באַשאַפֿן דורך מיר?

קומט ווידער די זון אין מייַן טונקל געמיט,
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מייַן אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט,
ביסטו ווינציקער דען פֿון אַ וואָרעם?

די גרעסטע אָנערקענונג וואָס איך האָב באַקומען פֿאַר פּאָעזיע איז געווען די פּרעמיע וואָס כ׳האָב באַקומען אין ווילנער געטאָ פֿאַר מייַן פּאָעמע „דאָס קבֿר־קינד״. די פּרעמיע איז באַשטאַנען אין אַ שריפֿט אויף פּאַרמעט אָנגעשריבן, אונטערגעשריבן פֿון אַלע די דעמאָלט לעבעדיקע ייִדישע און העברעיִשע שרייַבער און אַ גאָלדענע צען־רובלדיקע.

ווי שטאַרק עס איז דער כּוח פֿון ליד, דער כּוח פֿון ריטעם, האָב איך זיך איבערצייַגט אין 1944, מערץ, ווען איך האָב געדאַרפֿט, זייַענדיק אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, אַריבערגיין אַ מינענפֿעלד, אַ פֿעלד פֿאַרזייט מיט מינעס. און וווּ עס ליגן די מינעס, האָט קיינער ניט געוווּסט. האָב איך געזען צעריסענע מענטשן, קענטיק אַ פֿויגל וואָס האָט ניט קיין שׂכל, האָט זיך גראָד געוואָלט אַוועקטאָן אויף אַ מינע און צעריסן געוואָרן. ווי אַזוי, אין וועלכער ריכטונג זאָל איך גיין? וווּ שטעלן דעם פֿוס? איין ריר איז טויט, נישט שטעלן איז לעבן, האָב איך אַרייַנגענומען אין זיך אַ ניגון, און אָט אין ריטעם פֿון יענעם ניגון בין איך געגאַנגען אַ קילאָמעטער לאַנג איבערן מינענפֿעלד און איך בין אַריבער. נאָר אפֿשר קענט איר מיר איצט דערמאָנען וואָס פֿאַר אַ ניגון דאָס איז געווען? איך געדענק אים ניט.

די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ ליד איז אַ סך לענגער ווי די דאַטע וואָס איז אונטערגעשריבן אונטערן ליד. איין ליד ווערט אַ מאָל אויסגעטראָגן דורך לאַנגע יאָרן, דורך אַ גאַנץ לעבן. און אפֿשר קומט עס גאָר ווי אַן אָפּקלאַנג, אַ בענקשאַפֿט, אַ ירושה פֿון טאַטן, פֿון זיידן צי פֿון אָדם הראשון, ווער ווייס? אָבער כּדי דאָס ליד זאָל געבוירן, מוז עס באַפֿרוכפּערט ווערן מיט אַ סודותדיקער טרער, וואָלט איך געזאָגט. די

I'm digging a trench as I must, by command,
and I search in the earth: is there comfort at hand?

A dig and a spade cut, and up from below
a tiny worm wriggles – it touches me so.

My spade slices through him, but, amazing to see,
the cut-up little worm becomes two, becomes three.

Another spade cut, there are four, not just three,
have all these new lives been created by me?

And the sunshine returns to my dark gloomy mood,
and faith starts to strengthen my arm:

If a wee little worm won't submit to the cut,
what of you? Are you less than a worm?

The greatest mark of recognition I ever received for poetry was the prize I won in the Vilna ghetto for my *poeme* "The Grave Child". The prize consisted of a certificate written on parchment, signed by all the Yiddish and Hebrew writers who were alive then, as well as a gold ten-rouble coin.

It was in March 1944 that I realized how strong the power of the poem, the power of rhythm is. While living in the forests with the partisans, I had to cross a field scattered with live mines. No one knew exactly where the mines were sited. I saw human beings torn to pieces, and a bird that obviously had no sense, decided to sit on a mine and was blown to bits. I wondered how, and in what direction I should go. Where to put my foot down? One false move meant death, not putting my foot down was life, so I managed to get a melody into my head, and to the rhythm of that melody I walked for a kilometer across that minefield and got safely across. Perhaps you can remind me what the melody was? I can't remember.

The biography of a poem goes back a great deal further than the date written at the bottom. Sometimes a poem is carried within you for long years, sometimes throughout your whole life. And perhaps it comes like an echo, a yearning, an inheritance from your father, your grandfather or Adam himself, who knows? But in order for the poem to be born, I would say that it has to be fertilized by a mysterious tear. The tear, the sudden impulse, the

טרער, דער צאַפּל, דער פֿינקל קען זייַן די באַוועגונג פֿון אַ צווייַג, אַ שמייכל, אַפֿילו אַ לוויה. אָבער אָן דעם לעצטן אויפֿצאַפּל וואָס פֿאַרוואַנדלט ווערטער אין געזאַנג, אָן אָט דער קלייניקייט, וואָס איר נשמהדיקע פֿונקציע איז אומדערקלערלעך ווי דער סוד פֿון לעבן, קאָן דאָס ליד ניט געבוירן ווערן. און עס טרעפֿט, אַז בלויז בייַם אָטעם פֿון טויט בלאָזט אַרייַן דער פֿאָעט אין זייַן ליד לעבן.

די שטימונג, דאָס בילד און דער אויסדרוק פֿון מייַן פּאָעמע, למשל, „ערבֿ מייַן פֿאַרברענונג", האָבן ווי קוילן אין מיר געטליִעט און געמאָנט אַ תּיקון פֿונעם יאָר 1941, האַרבסט, ווען איך בין געצוווּנגען געוואָרן צו טאַנצן אַ נאַקעטער מיטן אַלטן אַכציק־יעריקן רבֿ פֿון מייַן גאַס, הרבֿ קאַסל, אַרום ברענעדיקע ספֿר־תּורות. ביזן האַרבסט פֿונעם יאָר 1949 אין ארץ־ישׂראל איז מיר נאָכגעגאַנגען אָט יענער גרוילבילד. די פּאָעמע האָט פֿאַר די אַלע יאָרן זיך געריסן צו דער פֿרייַ, ווי אַ געבונ־דענער פֿויגל. אָבער ערשט דעמאָלט ווען איך האָב דערזען אַ וואָלקן איבערן כּרמל וואָס האָט אויסגעזען ווי דער אין פֿייַער פֿאַרכאַפּטער רבֿ דעמאָלט בייַם שייַטער מיט יאָרן צוריק, ערשט דעמאָלט, קענטיק, איז געשען אָט יענע באַפֿרוכפּערונג, אָט יענע טרער האָט אַ פֿינקל געטאָן וואָס האָט די פּאָעמע געבוירן.

די טרער וואָס האָט באַשאַפֿן מייַן לידער־ציקל „אַ בריוו צו די גראָזן" איז גע־ווען – איר ווערט לאַכן – אַ לעצט געבליבענע פֿלוים וואָס איך האָב צופֿעליק, ניט צופֿעליק באַמערקט אין אַ סאָד ערגעץ אין גליל. די פֿלוים איז געווען אָפּגעפּיקט פֿון אַ הונגעריקן ראָב, און ס׳האָט זיך אַרויס אַנטפּלעקט איר בלישטשענדיקער יאָדער. גלייַך ווי איך האָב עס דערזען, זייַנען אָנגעלאָפֿן אין מיר קלאַנגען, אַסאָציאַציעס, און אָט די ווייַטערדיקע פֿיר שורות, וואָס האָבן שפּעטער אָנגעשטעקט דעם גאַנצן לידער־ציקל אין אַ סכום סובלימירטע איבערלעבונגען פֿון דער סאַמע קינדהייט ביז דעמאָלט.

די געלע פֿלוים דערמאָנט אָן מיר אַליין,<br>
עס קלאַפּט צעווישןביידן אַ צוזאַמענדיקער אָדער:<br>
וויפֿל ס׳זאָל דער פֿעלדזנראָב ניט פּיקן מייַן געביין,<br>
וועט ער ניט קאָנען אויפֿזיגלען מייַן בלישטשענדיקן יאָדער.

אָבער גאָר צום סוף אַז איך האָב אַזוי פֿיל גערעדט, ווילט זיך פֿאָרט פֿרעגן: וואָס איז פֿאָרט פּאָעזיע? וויל איך ענדיקן מיט אַ קורצער מעשׂהלע. עס קען קלינגען ווי סימבאָליש, אָבער דאָס איז אַ מעשׂה פֿון מייַן איבערלעבונג, איינע פֿון מייַנע טיפֿע

spark can be the movement of a branch, a smile, even a funeral. But without the final impetus, which transforms words into song, without this tiny thing whose spiritual function is as indescribable as the secret of life itself, the poem cannot be born. And it can sometimes happen that only with the breath of approaching death can the poet breathe life into his poem.

The mood, the imagery and the expression of my poem "Before My Burning", for example, glowed like live coals inside me and demanded to be given expression from the autumn of 1941, when I was forced to dance naked with the 80 year-old rabbi from my street, Rabbi Kosl, around a pile of burning Torah scrolls. That ghastly image pursued me until the autumn of the year 1949, in Israel. All those years the poem was struggling to break free, like a trussed-up bird. But it was not until I saw a cloud over the Carmel that looked like that rabbi caught in the fire all those years ago that this fertilization happened – the tear sparkled and the poem was born.[48]

The tear that created my poem cycle *A letter to the grasses*[49] was – you will laugh at this – a last remaining plum that by chance – or not by chance – I noticed in an orchard in the Galilee. The plum had been pecked by a hungry raven, so that its shining kernel was visible. As soon as I saw it, sounds and associations welled up in me, and the following four lines [emerged], which later sparked off the whole poem cycle, with a host of sublimated experiences stretching from my early childhood until the present day:

The yellow plum reminds me of myself.
Between us both there beats a common pulse:
however much the raven pecks my bones,
he will not manage to expose my shining kernel.

But finally, having talked so much, I still want to ask: what is poetry after all? I would like to end with a little story which, though it sounds symbolic, is indeed the story of one of my deep experiences.[50] This story, or legend, hap-

48 In fact Sutzkever wrote an earlier poem about this experience, דער צירק (*Der tsirk*, The circus) which was not published until 1979 (cf. Sutzkever 1979: 6–9). Sutzkever writes at the end of the poem: געשריבן אין אַ באַהעלטעניש, אָנהייב יולי 1941 (*geshribn in a baheltenish, onheyb yuli 1941*, written in a hiding place, beginning of July 1941). For a discussion of the relationship between this and the later poem cf. Valencia 2012: 109–128.

49 P. 119–123.

50 This experience is the inspiration for one of the prose pieces in גרינער אַקוואַריום (*Griner akvarium*, Green aquarium): דאָס רינגעלע, (*Dos ringele*, The ring) Sutzkever 1955: 98–102; 1963 (II): 246–249; 1975: 24–27.

איבערלעבונגען. און געשען איז די דאָזיקע מעשׂה, לעגענדע, אין 43סטן יאָר, נאָך דעם ווי איך מיט אַ גרופּע חבֿרים, צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי און שמערקען, ע״ה, זײַנען מיר אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ און דערגרייכט דעם וואַלד, די נאַראָטשער וועלדער.

אין אַ חודש־אָנדערטהאַלבן נאָך דעם ווי מיר זײַנען געקומען, זײַנען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון פֿופֿצן טויזנט דײַטשן. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה אין וואַלד, די פּאַרטיזאַנער האָבן ניט געקענט אויפֿנעמען דעם ניט־גלײַכן קאַמף, און זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצוטרעטן, זיך דערשפּרייטן איבער די וועלדער, די דערבײַיִקע. מיר זײַנען געווען אומבאַהאָלפֿן, ניט געוווּסט ווו זיך צו קערן, וווּהין זיך צו ווענדן. אונדזערע אָנפֿירער זײַנען אויך ניט געוואָרן.

בין איך צוזאַמען מיט שמערקען און מיט מײַן פֿרוי פֿאַרקראָכן אין די זומפּן און דאָרט געלעגן, דאָרט זיך באַהאַלטן. פֿאַר וואָס אין די זומפּן? דערפֿאַר ווײַל די דײַטשן פֿלעגן גיין מיט שפּירהינט און מיט זעגן. די שפּירהינט פֿלעגן אָבער פֿאַרלירן זיך בײַ זומפּן, בײַ וואַסערן. די דײַטשן פֿלעגן כאַפּן דער עיקר אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן, פֿלעגן זיי אים צעזעגן. זײַנען מיר דעמאָלט פֿאַרקראָכן אין די זומפּן. ס׳איז געווען קאַלט. כ׳געדענק, כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט איין מאָל אין דער פֿרי, האָט זיך מיר געדוכט אַז איך בין צוגעשמידט צו דער ערד. וואָס איז געווען? די וואַסערן פֿון די זומפּן זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אַרום מיר און כ׳האָב אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, האָב איך צערבראָכן אַרום זיך די ראַם... אַזוי ווי גלאָז.

זײַנען מיר געלעגן דאָרט אַ דרײַ מעת־לעת און געגעסן די ווילדע יאַגדעס און עטלעכע נאַסע אַרבעס וואָס זײַנען נאָך געלעגן אין קעשענע. די שטיוול זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אויף די פֿיס, האָבן מיר באַשלאָסן, מיר מוזן כאָטש אויף אַ האַלבער שעה אַרויסקריכן פֿון די זומפּן זיך אָפּטריקענען אין דער זון. האָבן מיר געקלעטערט, געקראָכן, אַרויסגעקראָכן אויף אַ בערגל און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער זון דערוואַרעמען די גלידער.

מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט דײַטשע שטימען. האָבן מיר ווידער געצויגן צוריק אין די זומפּן אַרײַן. און אַזוי קריכנדיק ווײַטער אין די זומפּן ביזן האַלדז, האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט מײַן פֿרוי אַז אויפֿן בערגל פֿריִער ווו מיר האָבן זיך געטריקנט האָט זי איבערגעלאָזן איר רינגעלע וואָס איך האָב איר געגעבן אַ מתּנה צו דער חתונה און וואָס זי האָט זיך אײַנגערעדט, אַז דאָס איז אַ מזל־רינג. מיטן רינגעלע איז זי געווען פֿיר מאָל אין געסטאַפּאָ, איז אַרויסגעקראָכן, געווען אין לוקישקער טורמע, איז שוין געווען אין פּאָנאַר – דער רינגעלע האָט זי געראַטעוועט. זאָגט זי: וואַרט אויף מיר אַ ווײַלע, איך קריך צוריק כ׳וועל געפֿינען און נעמען דעם רינגעלע. און איידער מיר האָבן באַוויזן נאָך עפּעס איר צו זאָגן, איז זי שוין ניט געוואָרן. מיר וואַרטן צען מינוט און צוואַנציק, און אַ שעה און צוויי, און זי איז ניטאָ. מיר הערן שטימען פֿון דערשאָסענע, [...] פֿון געכאַפּטע... קולות, און ס׳ווערט ביטער, מיר

pened in the year 1943 after I together with my wife and Shmerke[51] o"h and a group of comrades, had escaped from the ghetto and reached the Narocz forest[52].

One and a half months after our arrival we were surrounded by fifteen thousand Germans. There was chaos in the forest, the partisans could not engage in such an unequal battle, so they decided to retreat and disperse all around the neighboring woods. We were helpless and didn't know where to turn, in which direction to go. Our leaders had disappeared.

Shmerke, my wife and I crawled into the swamps and lay hidden there. Why did we go into the swamps? Because the Germans had dogs and saws, and when they captured a partisan, especially a Jewish one, they would saw him to pieces. The dogs, however, became disorientated in the swamps, and that's why we crawled there to hide. It was cold. I remember that once when I woke up in the morning, it seemed to me that I was welded to the earth. What had happened? The water in the swamp had frozen round me, and when I moved my head, the frame broke up round me – like glass.

We lay there for about three days, eating the wild berries and a few wet peas we still had in our pockets. Our boots were frozen onto our feet, so we decided that we must scramble out of the swamp for at least half an hour to dry ourselves in the sun. We clambered, crept, climbed onto a hillock and sat there so that the sun could warm our limbs.

Suddenly we heard German voices, so we went back to the swamps, and as we crept further in, my wife suddenly remembered that she had left the ring that I had given her as a wedding present, which she had persuaded herself was a good-luck ring, on the hillock where we had dried ourselves. Wearing that ring she had been in the hands of the Gestapo four times, and had escaped, she had been in the Lukishki prison[53], she had even been at Ponary[54] – and the ring had saved her. So she said: "Wait a while for me, I am going back to rescue my ring." And before we could say anything, she had disappeared. We waited ten minutes, twenty minutes, one hour, two hours, but she did not come back. We heard the voices of people being shot or captured […]. It was terrible. We tried to crawl back but both Shmerke

51 Shmerke Katsherginski (Kaczerginski, 1908–1954), Vilna left-wing Yiddish poet and activist, one of the founders of the *Yung Vilne* group of poets, worked with Sutzkever in the "paper brigade" (cf. p. 244). He settled in Argentina after the war and died in a plane crash in 1954.

52 Narocz (Narotsh) forest: an area of forests, lakes and swamps to the east of Vilna, where groups of partisans operated. Sutzkever and his wife, and Katsherginski escaped from the Vilna ghetto in September 1943 and joined a Jewish partisan unit (cf. p. 246).

53 The Lukishi (Lithuanian: Lukiškės) Prison, in the centre of Vilna, was used by the Nazis to imprison Jews (cf. Sutzkever 1947: 37 f.) It is still in operation as a prison.

54 Cf. p. 241.

פּרוּוון קריכן צוריק, פֿאַל איך מיט שמערקען אַרײַן אין אַ זומפּ, מיר ווערן שיִער בײדע ניט דערטרונקען. קוים מיט מאַטערניש, אין אַ פּאָר שעה אַרום, זײַנען מיר געקומען צוריק צום בערגל, איר געזוכט, קיין סימן, קיין שפּור ניטאָ פֿון איר.

שטעלט אײַך פֿאָר: מיר זײַנען בײדע געווען פֿאַרייִאושט, געמיינט אַז זי איז געכאַפּט געוואָרן, אַז זי לעבט שוין ניט. און אַזוי זײַנען מיר געלעגן בײדע אויפֿן בערגל. די זון האָט זיך געהאַלטן בײַם אונטערגיין. פֿאַלט מיר אַרײַן אַ מאָדנע זאַך: אויפֿן בערגל האָב איך דערזען אַ בוים. אַ פּוסטער בוים. [...] און פֿון פֿאַרצווייפֿלונג לויף איך צו צום בוים, כאַפּ אונטן אַ שטיין און נעם זעצן מיטן שטיין אין בוים אַרײַן, קלערנדיק דערבײַ אַז אפֿשר איז זי ערגעץ פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן צווישן די זומפּן, זי וועט דערהערן דעם קלאַפּ, וועט זי פֿאַרשטיין אַז מיר זײַנען דאָ און זי וועט אַרויסקריכן.

און איך קלאַפּ מיטן שטיין אין בוים אַרײַן, איך קלאַפּ און דער שטיין ווערט צעבראָכן און איך ווער צעבראָכן, איך פֿאַל אַנידער, אַ מידער, אַ פֿאַרשווייסטער אונטערן בוים און איך בלײַב ליגן אין האַלבע אָנמאַכט. און אַזוי ווי איך ליג אַזוי אונטערן בוים, אַ פֿאַרצווייפֿלטער, אַ פֿאַרייִאושטער, דערזע איך מיט אַ מאָל צווישן די ווילדע צווײַגן, ווילדע קוסטן וואָס איבער די זומפּן, באַוועגט זיך עפּעס אַ געשטאַלט. ס'אַ מאָדנע געשטאַלט. די האָר אין גאַנצן פֿונאַנדער געלאָזן, דער קערפּער האַלב־נאַקעט, אין פּאַסן בלוט רינען... רינט איבערן האַלדז, די קליידער צעפּליקט, מיט דערנער, מיט יאַשטשערקעס, מיט שלאַנגען אַרומגעוויקלט. וואָס איז, אַ באַבע־יאַגע איז אַרויסגעקראָכן צי ווער? פֿריִער האָב איך געמיינט אפֿשר אַ געשפּענסט, אפֿשר דוכט זיך מיר, נאָר די געשטאַלט איז געקומען נענטער, נענטער... מיט אַ מאָל האָב איך דערזען ווי עס פֿינקלט אויף איר פֿינגער דער גאָלדענער רינגעלע. האָב איך לויטן גאָלדענעם רינגעלע פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז מײַן פֿרוי. זי האָט טאַקע געווען געלעגן אין אַ זומפּ, האָט זיך ניט געקענט געפֿינען, ניט געוווּסט ווּהין, דעם רינגעלע האָט זי פֿריִער יאָ געפֿונען, אָבער גייענדיק צוריק האָט זי זיך פֿאַרבלאָנדזשעט און, הערנדיק מײַן קלאַפּן, איז לויטן קלאַפּ געגאַנגען. האָב איך דעמאָלט געטראַכט, און איך טראַכט דאָס ביז איצט אַז אייגנטלעך מיטן דיכטער קומט אויך אַזוינס פֿאָר.

ווען דער דיכטער איז שוין אין גאַנצן פֿאַרייִאושט, פֿאַרצווייפֿלט, כאַפּט ער עפּעס אַ וואָרט און הייבט אָן מיטן וואָרט און מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ זיך צו קלאַפּן אָן אַ טויבער וואַנט און ער קלאַפּט אַזוי לאַנג ביז ער פֿאַלט פֿאַרייִאושט, מיד, צעבראָכן, און דעמאָלט טרעפֿט, אין אַ געבענטשטער מינוט, ווען ער ליגט שוין אַ פֿאַרייִאושטער, אַז עס באַווײַזט זיך ערגעץ פֿון דער ווילדעניש זײַן ליד, זײַן אַרויסגערופֿענע ליד, אויך דערשראָקן, פֿאַרבלוטיקט, אָבער עס פֿינקלט אויפֿן ליד אַ גאָלדן רינגעלע און דאָס ליד שמייכלט דורך טרערן.

and I fell into a swamp and almost drowned. Finally, after several hours of frantic effort, we managed to get back to the hillock and searched for her, but found no trace of her.

Imagine how we felt: we were both in despair, thinking that she had been captured and was no longer alive. We lay on the hillock as the sun went down. Suddenly I noticed something strange: on the little hill I saw a hollow tree. [...] And in my despair I ran to the tree, grabbed a stone and began striking the tree with it, thinking perhaps that if she had got lost somewhere among the swamps, she would hear the knocking, would realize that we were here and would be able to crawl back.

As I was hitting the tree, the stone broke up and I was broken too; I collapsed in exhaustion, covered in sweat, despairing, and lay there, half-conscious. And while I was lying there in my anguish and despair, I suddenly saw among the undergrowth of branches and bushes, a strange figure moving across the swamp. Her hair was dishevelled, her body half-naked, with blood running down her neck in rivulets... her clothes torn to pieces, spiked with thorns, and she was encircled with lizards and snakes. Was this some sort of Baba-Yaga who had crept out of the swamps? At first I thought it was a ghost, but the figure came nearer and nearer... and suddenly I saw that on her finger sparkled the gold ring. Because of the gold ring I realized that this was my wife. She had indeed been lying in a swamp and had been unable to find her way back. She had found the ring, but had got lost, and hearing my knocking, she had followed it and found her way. I thought then, and still believe to this day, that actually something similar happens with the poet.

When he is completely anguished and despairing, the poet grabs some word or other and begins to beat with the word and with his head and with his heart against a deaf wall[55], and he carries on beating until he collapses in despair, exhausted, broken, and then it happens, in a blessed moment, when he is still lying there in despair, that his poem emerges out of the wilderness, the poem he has summoned. It is also frightened and bloody, but on his poem sparkles a gold ring, and the poem smiles through its tears.

55 In Yiddish, the idiom that means "stone deaf" is טויב ווי די וואַנט (*toyb vi di vant*, as deaf as the wall).




Front-page of the manuscript of *Sibir* (Siberia), copied out by an unknown person in the Vilna ghetto and rescued by Sutzkever after the liberation of Vilna, NLI, ARC 4°1565, 2:349

# 1935 – 1941

# סיביר

## אין כוטער

### א

זונפֿאַרגאַנג אויף אייַזיק בלאָע וועגן.
זיסע דרעמלפֿאַרבן אין געמיט.
ס׳לייַכט פֿון טאָל אַ שטיבעלע אַנטקעגן
מיט אַ שניי פֿון זונפֿאַרגאַנג באַשיט.
וווּנדערוועלדער הוידען זיך אויף שויבן,
צויבער־שליטנס קלינגען אין אַ קרייַז.
אויפֿן פּיצל בוידעם וואָרקען טויבן,
וואָרקען אויס מייַן פּנים. אונטער אייַז,
דורכגעשטרייַפֿט מיט בליציקע קרישטאָלן
צאַפּלט דער אירטיש אין האַלבער וואָר.
אונטער אויסגעשוויגענע קופּאָלן
בליט אַ וועלט – אַ קינד פֿון זיבן יאָר.

### ב

אינעם ליכטיק־טונקעלן, פֿאַרשנייטן
כוטער פֿון מייַן קינדהייט אין סיביר,
בליִען פֿון די שאָטן־אַפּלען – קווייטן,
קוועקזילבערנע קווייטן אָן אַ שיעור.
אין די ווינקלען אָפּגעלאָשן מאַטע
בלאָזט אַרייַן לבֿנה איר געבלענד.
ווייַס ווי די לבֿנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פֿונעם שניי – אויף זייַנע הענט.
ער צעשנייַדט דאָס שוואַרצע ברויט מיט בלאַנקן
רחמימדיקן מעסער. ס׳פּנים בלויט.
און מיט נייַ צעשניטענע געדאַנקען
טונק איך אינעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.

### ג

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פֿידעלע פֿון וואַנט. און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מייַן קאָפּ.

# Siberia

### In the Hut

1.
Sunset on the blue and icy pathways.
Sweet slumber colors in my heart.
A little house shines from the valley
covered with the snow of sunset.
Wondrous forests swing across the windows,
enchanted sledges jingle round and round.
In the tiny attic doves are cooing,
tracing out my face. And under ice,
threaded through with glittering crystals
the River Irtysh quivers, – real, or dream.
Under still and silent domes
blooms a world: a seven-year-old child.

2.
In the bright-dark, snowy hut,
my Siberian childhood home,
from the eyes of shadows, blossoms gleam,
quicksilver blossoms, numberless.
Into the dull extinguished corners
the moon breathes out her dazzling light.
Whiteness of the moon is on my father,
silence of the snow upon his hands.
With a merciful, shining knife
he slices the black bread. His face gleams blue.
Then, full of fresh-sliced thoughts, I dip
into the salt my father's bread.

3.
Knife. Father. Smoky fire stick.
Childhood. Child. A shadow takes
the fiddle from the wall. And soft-soft
snow sounds fall upon my head.

שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען –
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך מיט אָטעם בלאָ צעהאַנגען
איבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.
דורך אַן אייַזיק אָנגעפּעלצטן שייַבל
שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש פֿון דער מוזיק.
שטיל. אין אונדזער טויבנשלאַק אַ טייַבל
פּיקט זיך פֿון אַן אייעלע, פּיק־פּיק.

**פֿאַר טאָג**

די סימנים־לאַפּעס, וואָס אַ חיה
האָט פֿאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי,
ווען די זון, אַן אומבאַקאַנטע, נייַע,
האָט דערלאַנגט איר שפּיזיקן געשריי –
זענען קוים באַגילדט פֿון אויבן. אונטן
פֿינצטערט נאָך. די וואָרצלען פֿונעם וואַלד
קריצן מיט די ציין אין טיפֿע גרונטן.
פֿונעם הונט, געשפּאַנט אין שליטן, פּראַלט
לעבעדיקער דאַמף. דער דאַמף באַגעגנט
שטייַגנדיק אַ קוימענרויך וואָס העלט
און אַ מענטשן־אָטעם פֿון דער געגנט –
ביז אין לופֿט בלייַבט הענגען אַ געצעלט.

**דערקענטעניש**

**א**

„זאָג, ווּו ענדיקט זיך די וועלט, אָ טאַטע?!“
פֿילאָסאָפֿיש מאָן איך אַ באַשייד.
קומט אַן ענטפֿער: „הינטער יענער כאַטע
אויפֿן באַרגשפּיץ, ווּו די זון פֿאַרגייט.“
אמת טאַקע? אויב אַזוי, – ניט קלערן,
אָניאָגן די שקיעה! און איך לויף
אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פֿון טרערן,
ווּו די וועלט זיך ענדיקט, באַרג אַרויף.

Silent. Father's playing. And the sounds –
etched on the air, like breath of blue
on silvery frost, hang lingering
over the moon-glazed snow.
Through an ice-furred windowpane,
a wolf can scent the flesh of father's music.
Stillness. In our dovecot a baby dove
pecks and picks its way out of an egg.

## Dawn

The pawprints, which some creature
planted like roses in the snow,
when the unknown, new-born sun
cast down her shrieking rays like spears –
now are barely gilded from above. And down below
it is still dark. The forest roots
grind their teeth deep underground.
Harnessed to a sledge, a dog pours out
a cloud of living vapor. And mounting up,
the vapor meets bright chimney smoke
and human breath from near at hand –
till a tent shape hovers in the air.

## Realization

**1.**
"Tell me, father, where does the world end?!"
Like a philosopher, I demand to know.
He answers: "Behind that little hut
up on the mountain, where the sun goes down."
Is this the truth? If so, don't think,
but hunt the sunset! And I run
upwards, through a silver net of tears,
to where the world ends, towards the mountain top.

בײַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען,
ס׳זאָל ניט זײַן מײַן בענקעניש אומזיסט.
אַלע יאָרן ביז־מיר, יאָר־מיליאָנען,
צאַפּלען פֿון די שנייען: זײַ באַגריסט.

**ב**

הינטער מיר – אַ פּינטעלע אַ טאַטע.
ס׳האַרץ, דער זון אַנטקעגן, אין גאַלאָפּ.
שוין, דערלאָפֿן אויבן צו דער כאַטע!
נאָר די שפּאַנונג מאַניעט, לאָזט ניט אָפּ.
מײַנע ליפּן ציִען זיך צום שײַטער,
וואָס באַשײַנט דעם וואָיענדיקן דנאָ.
טאַטינקע! עס ציט די וועלט זיך ווײַטער,
און קיין סוף – ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.
טאַטע הערט ניט. שטערן פֿאַלן גרינע.
טאַטע זעט ניט, אַז פֿון העלער הויט
ווער איך פֿון אַ ייִנגל – אַ לאַווינע,
וועמען ליכט און וווּנדער האָט געבויט.

## ווי אַ שליטן אין פֿאַרבענקטן קלינגען

אויפֿן שניי דעם דימענטענעם, בלאָען
שרײַב איך מיטן ווינט ווי מיט אַ פּען,
בלאָנדזשע אויף די גלימערדיקע דנאָען
פֿון זײַן קינדהייט. האָב נאָך ניט געזען
אַזאַ לויטערקייט, וואָס קען באַצווינגען
אַלע עלנט־שאָטנס פֿון געדאַנק.
ווי אַ שליטן אין פֿאַרבענקטן קלינגען
גלעקלט דאָ מײַן לעבן דין און לאַנג
דורכן אָוונטסטעפּ, וואָס אין זײַן שפּיגל,
צוגעטוליעט מיט דער נאָז אַראָפּ,
לויערט די לבֿנה, און צוויי פֿליגל
שלאָגן אָפּ.

To the Siberian God my eyes are pleading,
let not all my longing be in vain.
All the millennia which came before me
rise quivering to greet me from the snows.

**2.**
Behind me, father – just a tiny dot.
My heart is galloping towards the sun.
Now I have reached the top and found the hut!
But still excitement grips me, drives me on.
My lips are drawn towards the radiant fire
that illuminates the howling depths.
Dear little father! Look, the world goes on,
and has no end – no end, no end at all.
Father does not hear. And green stars fall.
Father does not see, as out of the blue I change
from a young boy to – an avalanche,
created by a miracle of light.

## Like a Sledge Jingling with Longing

On the blue, diamond-sparkling snow
I write with the wind as with a pen.
I ramble through the glimmering depths
of the snow's childhood. Never have I seen
such purity, which has the power to banish
every lonely shadow from the mind.
Like a sledge jingling with longing
rings out my life's path, thin and long,
across the evening steppe – and in its mirror,
nestling, peering down, the moon,
is crouching, and two wings
are beating.

## פֿײַערדיקער פּעלץ

פֿעלדער – בלאַנקע, בלענדיקע מעטאַלן,
ביימער – אָפּגעגאָסענע מיט פֿעלדז.
שנייען האָבן מער ניט ווו צו פֿאַלן,
ס׳טראָגט די זון אַ פֿײַערדיקן פּעלץ.
מיט זײַן דימענט־פּענדזל אויף מײַן שאַרבן
מאָלט דער קינסטלער פֿראָסט ווי אויף אַ שויב
זײַנע שניי־לעגענדעס פֿול מיט פֿאַרבן,
„שרײַבט זיך אונטער“ מיט געפֿלי פֿון טויב.
זון פֿאַרגייט אין מיר. ניטאָ די זון מער.
בלויז מע זעט איר פֿײַערפּעלץ אַליין
אויף אַ לאַנגער צווײַג. און איך – אַ שטומער –
אָנטאָן וויל אים ערבֿ זײַן פֿאַרגיין.

## אין אַ סיבירער וואַלד

### א

יונגע זון, וואָס אייביקט נײַ געבאָרן,
קײַקלט זיך אין שניי מיט מיר באַנאַנד.
זאָגט דער טאַטע: „קינד מײַנס, לאָמיר פֿאָרן
ברענגען האָלץ פֿון וואַלד“. און ס׳ווערט געשפּאַנט
אונדזער זילבער־לאָשיק אין אַ שליטן.
ס׳בלאַנקט די האַק. אין פֿלאַמענשניי דער טאָג
פֿון געשלײַפֿטע זונמעסערס צעשניטן.
פֿונקענשטויב – דער אָטעם! און אַ יאָג
איבער סטעפּ פֿון שלאָפֿנדיקע בערן
דורכן זונגעוועב. דער שניי קלינגט צו.
אַלע נעכטן אָפּגעשיטע שטערן
ליגן איצט פֿאַרפֿראָרענע, אין רו.

### ב

וואַלד. אַ פֿרישע בליציקייט אויף צווײַגן
אָטעמט אויס דעם וואָלפֿישן געהײַל.
אָנגעגליטער עכאָ פֿונעם שווײַגן –
שיסט אין מיר אַרײַן אַ הייסע פֿײַל.
יעדער שניי איז אַ פֿאַפֿראָרן גלעקל,

### Fiery Fur

Fields – gleaming, dazzling metal,
trees – forms cast in rock.
Snows have nowhere left to fall,
and the sun is clad in fiery fur.
With his diamond brush the artist frost
is painting on my skull, as on a pane,
his snow legends bright with many colors.
He signs them with the fluttering of a dove.
Sun sets within me. No more sun at all.
Only her fiery fur still hangs
on a long branch. And I – a dumb watcher –
long to put it on before it fades.

### In a Siberian Forest

1.
The eternally new-born young sun and I
are rolling round together in the snow.
Father says: "My child, let's ride into the forest
to get wood." And we harness
to the sledge our silver colt.
The axe gleams. Robed in fiery snow,
the day is cut by sharp sun knives.
Our breath is sparkling powder! And we race
across the steppe where bears lie slumbering,
through webs of sunlight. Snow rings out.
Yesterday's fallen stars lie sprinkled everywhere,
frozen and at rest.

2.
Forest. A fresh gleaming on the branches
breathes out the howling of the wolves.
A glowing echo of the silence –
a burning arrow, pierces me.
Every snowflake is a frozen bell,

גיב אַ ריר און ס׳ענטפֿערט מיט אַ קלונג,
און דער קלונג – אויף טויזנט אַ צעברעקל.
פֿלוצעם ווײַזט אַ פּיקסל מיר די צונג
פֿונעם שנייגעצעלט און שוין פֿאַרזונקען.
– „פּיקסל, האָב ניט מורא!״ – און מײַן באַק
וואַרעמט זיך בײַ העגנעגדיקע פֿונקען,
ביז די זון פֿאַרגייט אין טאַטנס האַק.

**ג**

ציִען מיר אַהיים צום שטילן כוטער –
בלאָנדזשעט מײַן נשמה נאָך אין וואַלד.
און דער וואַלד אַ גוטער, אַ באַרוטער,
וואַרעמט זי אין בוזעם און באַשטראַלט.
נעמען שטערן מיט געזאַנג מיך קריינען,
שטערן אויפֿגעבלאָזענע אין ווינט!
און לכּבֿוד שטערן ווילט זיך וויינען...
ביז דער לעצטער בוים פֿון וואַלד פֿאַרשווינדט,
און עס בלײַבן שטיין אין שניי די שניטן.
דעמאָלט וועקט מיך אויף דעם טאַטנס קול.
זע איך: די לבֿנה איז אין שליטן
מיטגעפֿאָרן צו מײַן היים אין טאָל.

## צום טאַטן

טאַטע, נאָכן שליטן מיט דײַן אָרון
נאָכגעלאָפֿן בין איך דיר, כּדי
אָנצויאָגן ערגעץ דײַן זכּרון
מיט אַ טויב אין בוזעם ווײַס ווי שניי.
ווען עס האָט אַ כוטער דיר אַ נײַעם
אויסגעהאַקט אַ האַרצקלאַפּיקער לאָם,
און פֿאַרשלונגען האָט דיך באַלד אַ תּהום,
ווו דו פֿינקלסט אונטער אײַז עד־היום –
האָב איך דאָרט אַרײַנפֿאַלן געוואָלט!
נאָר מײַן טויב איז דעמאָלט גראָד פֿאַרפֿלויגן,
אָוונטזון באַקריינט מיט ווײַסן גאָלד,
און אַרויף צום לעבן מיך געצויגן...

touch it, and it answers with a ringing sound,
that shatters in a thousand splinters.
A little fox sticks out its tongue at me
from its snow tent, and straightway disappears.
"Don't be scared, little fox!" And now my cheek
is warmed by hovering sparks,
till the sun sets in my father's axe.

**3.**
Traveling homeward to our quiet hut,
my soul still wanders in the forest.
The forest – kindly, tranquil friend –
shines on it and warms it in his bosom.
Stars begin to crown me with their song,
stars kindled by the wind!
Those stars make me feel like weeping…
Then the last tree disappears from view,
and in the snow our sledge tracks stop.
I'm wakened by my father's voice.
And I see: the moon has travelled with us in the sledge
to my home in the valley.

## To My Father

Father, I pursued the sledge that bore your coffin,
running after you, to catch
some memory of you.
A dove was in my bosom, white as snow.
When the crowbar with its pounding heartbeat
hacked out a new home for you,
and a deep chasm swallowed you,
where to this day you sparkle under ice –
O, I wanted to leap in beside you!
But suddenly just then my dove flew up,
crowning the evening sun with her white gold,
and drew me upwards with her, into life…

## אירטיש

שטיל! פֿון וואַנען קוואַלט אַזאַ מין קלינגען?
ס׳וויל אַנטלויפֿן דער אירטיש פֿון ברעג!
זוכט אין קאַלטע, כוואַליעדיקע רינגען
אָפּגעפֿלייצטע פּנימער פֿון טעג.
עפֿנט ער די אויגן צו די שטערן
פֿון אַן אויסגעזעגטן ראָד: „ווי לאַנג
וועט דער פֿרילינג מײַן געבעט ניט הערן,
וועט דעם אײַז ניט שנײַדן מײַן גאַנג?"
זשומעט נאַכט אין באָרד אַרײַן אַ סוד אים:
– „ס׳ווערט שוין אויסגעשמידט אַ זון!" און גלײַך
פֿאַלט אַראָפּ אַ שטערנדל פֿון פֿאָדעם
און – אַ קוש דעם ווינטערדיקן טײַך.

## שניימענטש

### א

שניימענטש, דענקמאָל נאָך אַ קינדהייט, היטער
פֿון אַ קאַלטן אוצר! ניט אומזיסט
גלייבן גלייב איך: דו ביסט מײַן געביטער.
זײַ מיר, שניימענטש, טויזנט מאָל באַגריסט!
ביסט דער גאָט פֿון קינדער און פֿון ווינטן,
לעבן דיר מײַן חלום שטייט געקניט.
ס׳קומען וועלף אין גאַנצענע געזינטן
און זיי רופֿן: שניימענטש, היט, באַהיט!
אייביק ביסטו שניימענטש, ניט צעשמאָלצן
ווערט דײַן פֿינקל־פּאַנצער פֿון קרישטאָל.
אָ, ווי שיין דו טאַנצסט אויף דײַנע שטאָלצן
פֿאַר די שטערנמענטשעלעך אין טאָל!

### ב

שניימענטש, אומגעלומפּער, מיט אַ טעפּל
אויפֿן קאָפּ אַנשטאָט אַ קרוין! באַווײַז
נאָך אַ מאָל דײַן שמייכל פֿונעם נעפּל,
וואַרעם אָן מײַן עלנט מיט דײַן אײַז.
אויב מײַן בענקשאַפֿט איז צו דיר דערגאַנגען –

## The Irtysh

Hush! What is the source of this strange ringing?
The Irtysh wants to overflow his banks!
Seeking in cold, rippling circles
ebbing faces of drowned days.
From a circle sawn in the ice
his eyes peer out to see the stars: "How long
till the spring hears my prayer,
till my song cuts the ice?"
Night purrs a secret into his beard:
"Already there's a sun being forged!" And suddenly
a little star falls off its string,
and kisses the wintry river.

## Snowman

**1.**
Snowman, monument to a childhood, guardian
of a cold treasure! It's not in vain
that I most steadfastly believe: You are my master.
Snowman, a thousand times I greet you!
You are the God of children and of winds.
My dream is kneeling down beside you.
Packs of wolves are coming, calling out:
"Snowman, save, protect us!"
You are eternal, snowman. Sparkling crystal,
your armor will never melt away.
On your stilts, how beautifully you dance
for the little starfolk in the valley!

**2.**
Clumsy snowman, with a pot upon your head,
and not a crown! Show me again your smile
that pierces through the mist.
Let your ice warm up my loneliness.
If the longing of my heart has reached you –

אין די זעלבע טריט־סימנים גיי,
ווערסטו אין אַ שטיבעלע פֿון קלאַנגען
מיך געפֿינען תּפֿילה טאָן צו שניי.
ניט געפֿונען – האָב ניט קיין פֿאַראיבל,
קענטיק, אַז מיר האָבן זיך געמײַדט.
ירשן מײַן געוועזנקייט פֿון שטיבל
און פֿאַרענדיק אָטעמען מײַן צײַט.

### סיבירער פֿרילינג

**א**

ס׳נעמען פֿאַטשן פֿילקאָלירטע פֿליגל
איבער טײַגע־ווילדערניש אין ווינט.
ס׳קוואַלט און ריזלט ווי צעלאָזטער שפּיגל
מײַל נאָך מײַל און בײַ די ראַנדן גרינט.
נאַסע שנייען זינגען אַ געזעגנס,
פֿליגלען, שפּיגלען פֿול מיט פֿאַרב און קלאַנג.
מיטן יונגן לייבנברום פֿון רעגנס
פֿלאַקערט אויף דער קינדערשער פֿאַרלאַנג
אָנצויאָגן אַלע ווילדע שטראָמען,
געבן זיך אַ פֿויגלדיקן טראָג
איבער מענטשן, וועלדער, פֿעלדזן, תּהומען –
צו דעם נײַעם, יום־טובֿדיקן טאָג!

**ב**

מיטן שימער פֿון די העלע גרינען
שלײַפֿט זיך דער אירטיש אָן ווילד געשטיין.
וויל די כוואַליעס זײַנע קריק געפֿינען,
ווײַלע קריִעס האַלטן שוין אין גיין...
און אַנשטאָט צו קוקן שרעקיק־פֿינצטער
דורך זײַן איינעם אויסגעזעגטן ראָד –
קוקט ער איצט מיט כוואַליע מיט דער מינדסטער
ווי עס גייט די וועלט אַ קאַראַהאָד
רונד אַרום דער זון, וואָס אי מיט העזה
וואַרפֿט זי שווערדן, אי זי לעקט אַצינד
ס׳פֿינקלענדיקע אײַזליכט פֿון בעריאָזע,
ווי עס לעקט זײַן צוקערל אַ קינד.

follow in my footprints. Then
you'll find me in a little hut of sounds,
offering up a prayer to the snow.
If you don't find me – bear me no grudge,
we've simply missed each other on the way.
Inherit my former presence in the hut
and finish living out my days.

**Siberian Spring**

**1.**
Many-coloured wings have started beating
across the windswept taiga wilderness.
For miles and miles there's gushing, gurgling,
like a melting mirror. At the edges,
green appears. Wet snows sing farewell songs,
wings and mirrors full of sound and color.
With the rain's young lion roar
flares up the longing of the child, to chase
all the wild streams, and, like a bird, to soar
over people, forests, cliffs and chasms –
to the new, festive day!

**2.**
Amid the shimmer of the bright green places
the Irtysh polishes himself on jagged rocks.
He wants to find his waves again,
as the ice floes drift away…
Instead of peering darkly, fiercely
through his single sawn-out circle –
now he watches with his tiniest wavelet
as the world dances in a ring
round about the sun, which now audaciously
throws swords, now licks
sparkling ice light from the birches,
like a child licking a sweet.

## קירגיזן

שלום אײַך אין װײַטעניש, קירגיזן,
בײַם אירטיש, פֿון שײַטערן באַגילדט,
װוּ צעװישן טאַנצנדיקע שפּיזן
װיקלט איר אַ ניגון און פֿאַרשפּילט
אײַער אומעט, ביז איר פֿאַלט אין דרעמל.
יעדער זופּט װי בראָנפֿן זײַן געװײן.
און דער אַלטער הױקער פֿונעם קעמל
שמײכלט מיט די קנײטשן, קאָן פֿאַרשטײן
די מוזיק פֿון אײַער געלן פֿיבער.
װען מײַן לעבן צאַנקט װי אַ לאַמטער,
בײג איך מײַן געזאַנג צו אײַך אַריבער,
עפּן זיבן אױערן און – הער.

## מײַן חבֿרל טשאַנגורי

### א

לעבסטו נאָך, מײַן חבֿרל טשאַנגורי,
אָדער ביסט אַ שנײיִקע געשטאַלט?
פֿון די װאָלקנס פֿלעמלט מיר דײַן צורה
מיט די אַפּלען אױסגעבאָרגט אין װאַלד.
קום זיך שפּילן װידער און געפֿינען
װאָס מיר האָבן קײן מאָל ניט געהאַט.
מיטן ערשטן אָטעם פֿון באַגינען
לאָמיר קושן יעדער גראָז און בלאַט.
לאָמיר זשליאָקען קליאַטשעמילך פֿון לאָגל
און אויף סאָװעס מאַכן אַ געיעג.
לאָמיר, ברודער, נאָכן לאַנגן װאָגל
אײַנשלאָפֿן װי דעמאָלט פֿאַזע װעג.

### ב

קום צו רײַטן װידער אויף דײַן טױבן,
הױקערדיקן קעמל, און געשװינד
פֿאַרן פּיצל העמד אַ צי מיך אױבן, –
און אַװעקגעלאָזן זיך אין װינט,
צו באַגעגענען אין שטילע װינקלען

## The Kirghiz

Greetings to you, distant Kirghiz
by the Irtysh, gilded by your fires.
There, among dancing spears
you weave a melody to drive away
your sorrow, till you sink in slumber.
You sip your tears like fiery liquor.
The wrinkles of the camel's ancient hump
are smiling. They can understand
the music of your yellow fever.
When my life flickers like a lantern
I bend my song towards you,
open seven ears and – hear.

## My Friend Tshanguri

**1.**
Are you still alive, my friend Tshanguri,
or are you now a snowy form?
From the clouds your face is flickering towards me
with dark eyes borrowed in the woods.
Come and play with me again, and find
all the things we never had before.
With the first breath of dawn
let's kiss each leaf and blade of grass.
Let's gulp mare's milk from a goatskin
and race off, chasing owls.
Brother, after wandering far and wide,
let's go to sleep, as once we did, by the roadside.

**2.**
Come riding once again upon your deaf
and humpbacked camel; swiftly pull me
up behind you by my scrap of shirt, –
and dash off in the wind,
to meet in quiet corners

דעם געבורט פֿון שאָטנס ערבֿ נאַכט.
אַלע גראָזן צויבערן און פֿינקלען,
עס דערקענט אַליין זיך ניט די פּראַכט.
פֿלעקן לעבנס טונקלען אין די ווײַטן,
דער אירטיש, אַ וואָלקנדיקער, גליט,
ס׳בלויט דער קעמל. און מירביידע רײַטן
צו די בלאַנקע פֿעלדזן פֿון גראַניט.

**ג**

ווען די בערג די שטאָציקע פֿאַרשווינדן –
גיט אַ שווּם אַ פֿיאָלעטער וואַלד.
ס׳נעמט אַ לאַנגע אָוונטהאַנט פֿאַרבינדן
אַלצדינג וואָס באַזונדער זיך באַהאַלט.
אויף אַ יאָדלע טאַנצט דאָס לעצטע פֿלעמל.
אויף די ליפּן טאַנצט דאָס לעצטע וואָרט.
אין אַ גראָזן־חלום קניט דער קעמל.
טונקעלער. און בלויז די שטילקייט קלאָרט.
פֿײַכטן וואָלקן שנײַדט אַדורך אַ בראָנע.
עפּנט זײַנע סודות. נאַכט קומט אָן.
און מיר עסן ביידע די לבֿנה
ווי אַן אויפֿגעשניטענעם קאַוואָן.

## בײַם שײַטער

**א**

בלאָזט די נאַכט פֿונאַנד אין וואַלד אַ שײַטער,
ווערן יונגעביימער גראָ פֿון שרעק.
צווישן קנאַקנדיקע צווײַגן, קרײַטער,
פֿאַלן שאָטנס, ווו עס בליצן העק.
און קירגיזן – קינדער, פֿרויען, מענער –
שפּיגלען זיך אין זייער שאַרפֿן ראַנד.
ס׳קנאַקן צווײַגן מיטן קריי פֿון הענער.
און ווי פּערל פֿון געפּלאַצטן באַנד
פֿאַלט אַ טוי אויף שטײַגנדיקע פֿונקען,
פֿאַלט אַ טוי אויף בעטנדיקע הענט.
און אַ פֿויגל אין דער נאַכט פֿאַרזונקען –
קומט צו פֿליִען, און זײַן פֿידל ברענט.

the shadows' birth before the night has fallen.
The grasses sparkle, weaving magic spells.
The splendor is still unaware
of itself. Tiny specks of life
darken in the distance, and the cloudy Irtysh glows.
The camel turns to blue. And we two together
are riding to the shining granite cliffs.

**3.**
When the steep mountains disappear –
a violet forest rises up before us.
A long twilight hand unites
all that was isolated, hidden.
On a fir tree dances the last flame.
On our lips dances the last word.
In a dream of grass the camel kneels.
Darker. Only the silence gleams.
A harrow cuts through a moist cloud,
opening up its secrets. Night is here.
And we eat the moon together,
like an opened watermelon, you and I.

## Beside the Fire

**1.**
Night fans a fire in the forest.
Terror turns the little saplings grey.
Among the plants and crackling branches
shadows fall, where axes flash.
And the Kirghiz – children, women, men –
are mirrored in their sharp and gleaming edge.
Branches crack like cockerels crowing,
and like pearls from a snapped string
dew falls on rising sparks,
dew falls on praying hands.
A bird, from deepest night
soars upwards, and his fiddle burns.

**ב**

איצט דערלאַנגט אַ פֿלאַטער פֿול מיט גבֿורה
לעבן פֿלאַם אַ בראָנדזענע געשטאַלט.
און אין טאַנץ מיט זילבערנער באַנדורע –
אַ געדריי צוזאַמען מיטן וואַלד.
אַ געדריי. אַ פּויק. אַ הייסער ניגון.
ביז אין פֿונקען־ריטעם פֿון קאָנצערט –
נעמט די געגנט גלאָקיק זיך צעוויגן,
פֿאַלן לעצטע שטערן אין די בערד.
נעמען שיכּור צוטאַנצן קירגיזן
אין אַ קייט בײַם פֿלאַקערדיקן טיש.
און מיט כוואַליעס, לויפֿנדיקע שפּיזן,
קיצלט האָריזאָנטן דער אירטיש.

**צפֿון־שטערן**

צפֿון־שטערן, שפּאַנסט מיט מיר אין איינעם,
כ׳בין דײַן שניימענטש אין אַ קלייד פֿון הויט.
פֿאַר מײַן קעלט צעלויפֿן זיך די שכנים,
בלויז בעריאָזעס בלײַבן לעבן פּלויט.
צפֿון־שטערן, ביזן טויט געטרײַער,
וויפֿל מילדקייט ווערסטו און דערמאָנסט!
אַלע זומער שנייט אויף מיר אַ פֿײַער,
אַלע ווינטער גלינסטו מיר און גלאָנסט.
זאָל די ניט־פֿאַרגאַנגענע דערמאָנונג,
צו דײַן בלאָען שמייכל זײַן געווענדט.
זאָלן אָט די קלאַנגען, זאָל די מאָנונג,
בלײַבן איבער מיר אַ מאָנומענט.

1936

**2.**
Now, with powerful sinuous movements,
a great bronze figure leaps beside the flames.
A silver lute accompanies his dance –
a dance that whirls together with the forest.
Whirling. Drumbeat. Fiery melody.
To the rhythm of the leaping sparks
the landscape, bell-like, swings and sways.
The last stars fall into their beards, and now
intoxicated, the Kirghiz start to dance,
forming a chain around the flickering table.
And with waves like rippling spears,
the playful Irtysh tickles the horizon.

## North Star

North Star, you and I stride along together,
I am your snowman in a cloak of skin.
From my coldness all the neighbors flee,
only the birch trees stay beside the fence.
North Star, faithful unto death,
how many tender memories you revive!
Each summer – fire snows down upon me,
each winter you resound like pealing bells.
May my memory, unextinguished,
always turn its face to your blue smile.
May these sounds, this summons,
remain above me as a monument.

1936

## בלאָנדער באַגינען

עס הענגט איבערן טאָל דער מאָרגן־שטערן
ווי אַ גילדן גלעקעלע און – וואַכט.
איבער ווײַסע פֿינגערדיקע צווײַגן
פֿון בעריאָזקעס גייענדיקע ברענט
אין וויינענדיקע פֿײַערן די נאַכט.

קוק זיך אײַן אין דעם געבורט פֿון וועלטן!

גראָזן פֿלאַפֿלען. וואָרצלען לאַכן. הימלען העלן.
ביימער זענען שטומע וויאָלאָנטשעלן.
און די טויזנט שטילקייטן באַזונדער
ריידן אויף דער בלאָנדער שפּראַך
פֿון זאַנגען.
די זאַנגען זענען נאָך מיט ערד פֿאַרדעקט,
נאָר עס שמעקט
פֿון זיי מיט בלאָנדן יום־טובֿ.
שטיל. די טויען קושן זיך. עס פּאַטשן
זילבערדיקע פֿליגל. בלעטער וויינען.
אַ פּאַסטעך זינגט אַ פֿויגלשע מעלאָדיע
דורכן טאָל
און זײַן ליד האָט אַלע זיבן חנען.

איך הייב זיך אויף פֿון שטעכלקע־געלעגער
און שפּרײַז אַוועק אַ באָרוועסער אויף דעמערדיקע שטעגן.
גראָזן טראַכטן וועגן מיר –
איך פֿלאַטער זיי אַנטקעגן.
שטילקייטן צעריידן זיך אַלץ העכער.
אַ ווינטל הענגט זיך אויף מײַן האַלדז
און וויל מײַן בענקשאַפֿט רויבן...

מיט מאָרגנטריט אַ וואַנדערער קומט אָן.
איך גיב אים אָפּ מײַן לעצטן שטיקל ברויט
און פֿון זײַן וואַנדער־טאָרבע נעם איך – גלויבן.

דער טאָל ווערט אויפֿגעהילכט,
ס׳איז הוילער קלאַנג.
דער מאָרגן־שטערן וואַכט.
די פֿאַרבן רינען.

**Blond Dawn**

Over the valley hangs the morning star
like a little golden bell and – watches.
Over the white finger-like branches
of moving birch trees, burns
in weeping fires, the night.

Look and see the birth of worlds!

Grasses chatter. Roots are laughing. Skies are brightening.
Trees are mute violoncellos.
And each of the thousand silences
speaks the blond language
of the ears of corn.
The ears of corn are covered still with earth,
but you can smell
their blond, festive joy.
  Silence. Dews are kissing. Silver wings
  are beating. Leaves are weeping.
A shepherd sings the melody of a bird
all through the valley
and his song has all the seven charms.

I get up from my thorny pillow
and stride out barefoot on the dawning paths.
Grasses are thinking of me –
I fly towards them.
Silences converse more loudly still.
A little breeze drapes itself around my neck
and tries to steal my yearning…

With morning steps a wanderer appears.
I give him my last piece of bread
and from his knapsack I take – faith.

  The valley now resounds
  with a pure sound.
  The morning star is watchful.
  The colors flow.

איך וואַש אַראָפּ אין סאַזשלקע
פֿון זיך די בלאָע נאַכט
און גרייט זיך צו דעם יום־טובֿ
פֿון באַגינען.

**אין טאָרבע פֿונעם ווינט**

אַ באָרוועסער וואַנדראָוּוניק אויף אַ שטיין
אין אָוונטגאָלד
וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דעם שטויב פֿון וועלט.
פֿון וואַלד אַרויס
דערלאַנגט אַ פֿלי אַ פֿויגל
און טוט אַ כאַפּ דאָס לעצטע שטיקל זון.

אַ ווערבע פּאַזע טײַך איז אויך פֿאַראַן.

אַ וועג.
אַ פֿעלד.
אַ צאַפּלדיקע לאָנקע.
געהיימע טריט
פֿון הונגעריקע וואָלקנס.
ווו זענען די הענט, וואָס שאַפֿן וווּנדער?

אַ לעבעדיקע פֿידל איז אויך פֿאַראַן.

איז וואָס זשע בלײַבט צו טאָן אין אָט דער שעה,
אָ, וועלט מײַנע אין טויזנט פֿאַרבן?
סײַדן
צונויפֿקלײַבן אין טאָרבע פֿונעם ווינט
די רויטע שיינקייט
און ברענגען זי אַהיים אויף אָוונטברויט.

אַן עלנט ווי א באַרג איז אויך פֿאַראַן.

1935

In a pond I wash off
the blue night.
And prepare for the festival
of dawn.

**In the Knapsack of the Wind**

A barefoot wanderer upon a stone
in the gold of evening
casts off the dust of the world.
Out of the wood
a bird soars into flight
and snatches the last particle of sunlight.

And there's a willow by the stream.

A path.
A field.
A quivering meadow.
Secret footsteps
of hungry clouds.
Where are the hands that can create such miracles?

And there's a living fiddle.

So what is left to do at this very hour,
o, my world of a thousand colors?
Except
to gather in the knapsack of the wind
all the red beauty
and take it home for supper.

And there's a loneliness, as heavy as a mountain.

1935

**געשריי**

מיט דער נאַקעטער ברוסט צו דער ערד,
מיטן פּנים אין גראָזן פֿאַרגראָבן, –
אַזוי ליג איך און שרײַ, ביז עס ווערט
מײַן בריטברוסטיקער שרײַען דערהערט
פֿון בעריאָזעס, פֿון שטערן און ראָבן:

פֿאַרוואַנדל מיך אין לופֿט,
פֿאַרוואַנדל מיך אין רוים
און ווילסטו – אין אַ פֿויגל
אויף דײַן שענסטן בוים.

איבער מיר טוט אַ פֿלייץ דער באַגין
מיט אַ האָרדע געצונדענע שטראָמען.
מײַן געשריי, ווי אַ בליץ אַזוי דין,
פֿאַלט אַראָפּ אויפֿן פֿעלדישן גרין,
ווו עס יאָגט אַ געשטאַלט אָן אַ נאָמען:

באַפֿרײַ מיך פֿון מײַן גוף,
וואָס איז צעבראָכן, מיד,
און איך וועל דיך באַגלייטן
מיט מײַן שענסטן ליד.

די געשטאַלט ווערט אַ רעגן פֿון פֿרייד,
נעמט מיר צוואָגן די ערדענע גלידער
און אַנטהילט פֿון איר ווינטיקן קלייד,
און מיט וואַרעמע וואַלדיקע רייד,
לייגט זי העל בײַ מײַן זײַט זיך אַנידער:

פֿון שרײַיִקן געבעט
זאָל ווערן אַ געבאָט – – –

אָבער ווען איך דערזע, איך דערשפּיר
די פֿאַרוואָרונג פֿון מײַנע געבעטן,
זייער וואַרעמען פֿינגער־באַריר
אין מײַן גײַסט, אין מײַן לעבן, אין מ י ר, –
וואַרף איך ווידער געשרייען־ראַקעטן:

## Scream

With my naked breast pressed to the earth,
with my face buried deep in the grass, –
here I lie and I scream, till at last
my mighty screaming is heard
by the birches, the ravens, the stars:

"Change me into air,
change me into space,
or if you will – into a bird
on your loveliest tree."

Above me surges the dawn
with streams of burning light.
My scream, as thin as a lightning flash
falls on the green of the fields,
where a nameless figure roams:

"Free me from my body
that's broken, tired and worn,
and I will delight you
with my loveliest song."

The figure turns into a joyful rain,
that soaks my earthen limbs,
then, freed of her airy clothes,
murmuring warm forest-words,
and shining, she lies down beside me:

"Your screaming demand
shall become my command – – –"

But when I see, when I feel
the fulfilment of my prayers,
the warm touch of their fingers
on my spirit, my life, and my *self*, –
then once more I hurl my screams:

באַשאַף מיך אויף דאָס נײַ
מיט אויגן, האַרץ און ציין,
פֿאַרוואַנדל מיך צוריק
פֿון אַ ל ץ אין מיר אַליין.

1937

*

אַלץ איז ווערדיק פֿאַר מײַן אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חשובֿ, טײַער פֿאַר מײַן סטראָף:
גראָזן, ביימער, ערד, אַ קוואַל, אַ לאָגל
און די ווײַטע פֿאַרביקייט פֿון שלאָף.
און אין אַלץ באַגעגן איך אַ שפּליטער
פֿון אין־סוף.

כ׳זע מײַן לײַב אין ווײַס פֿון דער בעריאָזע,
כ׳פֿיל מײַן בלוט אין בליִונג פֿון אַ רויז,
און אויס דער נאַטורס מעטאַמאָרפֿאָזע
וועב איך פֿון דערקענטעניש אַ הויז.
און אין אַלץ אַנטפּלעקט זיך מײַן געביטער
טיף און גרויס.

פּראָסטע שטויבן ריידן פֿון פֿאַרגיבשאַפֿט,
שטילער טוי — פֿון לײַכטנדיקן גנאָד.
עפּל זאָגן אָן פֿון קלוגער ליבשאַפֿט
צו דעם ווײַסן, אָפּגעשיידטן סאָד.
און ס׳איז יעדע רגע אָן אַ הימען —
מיר אַ שאָד.

אַלץ, וואָס ווערט פֿון מיר דערפֿילט, איז מײַניק.
ווּ נאָר ס׳גרייכט מײַן וואָרט, בין איך פֿאַראַן.
ווי אַ קוואַל אין מידבר שלאָגט דער תּענוג
און ער לאָקט מײַן לעבנס קאַראַוואַן.
און אין אַלץ, אין אַלץ איז דאָ דער סימן
פֿון מײַן שפּאַן.

"Create me now anew
with eyes and heart and teeth,
transform me once again
from *all* into my self."

1937

*

Everything is worthy of my roaming eye,
everything is good and precious for my verse:
grass, trees, earth, a drinking vessel and a spring,
and the distant colors of kind sleep.
There is a splinter of infinity
In everything I meet.

I see my body in the whiteness of the birch,
feel my blood throb in the blossoming rose,
and from nature's transformations,
my understanding weaves a dwelling place.
And in everything my Master is revealed –
deep and great.

Simple specks of dust speak of forgiveness,
quiet dew – of shining grace.
Apples tell of their wise love
for the white orchard, out of sight.
To me each moment where no hymn rings out
brings no delight.

Everything I feel belongs to me entirely.
Wherever my word reaches, there I stand.
My pleasure gushes like a desert spring,
drawing with it my life's thread.
And in everything I see the imprint
of my tread.

## לאַנדשאַפֿט

דער הימל – ווי דער חלום פֿון אַ דולן,
ניטאָ אין אים די זון. זי בליט און קוועלט
מגולגל אין אַ הייסן, פֿולן
און ווילדן רויזנביימל אויפֿן פֿעלד.
דער ווינט איז אַ מכשף. ער פֿאַרקנעפּלט
דעם טאָג מיט נאַכט.
אַ וואָרצל צו אַ וואָרצל עפּעס פּרעפּלט.
אַ וואָלקן לאַכט
פֿון שלאָף. עס ווינקט פֿון וואַלד אַ בליציק אייגל.
ווי פֿאַלנדיקע שטערן פֿליִען פֿייגל.

## אַ צווײַגל קאַרשן

כ׳האָב געבראַכט פֿאַר דיר אַ צווײַגל קאַרשן,
צײַטיק, צאַפּלדיק, ווי מײַן געדאַנק.
הער, ווי ס׳אָטעמט נאָך. פֿאַרנעם און ירשן
זײַנע ליניעס, פֿאַרבן, צייכנס, – ביזקל
זייער גלי פֿאַראַשיקט ניט די נאַכט.

קוק עס אָן! אין יעדער קאַרש באַזונדער
עקבער־אײַן דעם נײַגעריקן בליק,
און דערפֿיל, ס׳גייט אויף אַ קליינע זון דיר
פֿון דער זאַפֿט וואָס קרײַזט אין אַ געריזל,
אונטער הײַטל, פֿול מיט פֿײַן און גליק, –

פֿײַן פֿון אויפֿשפּראָץ, בליִעכץ און באַבלעטער,
וואָרצלדיקער שטראָם דורך טעג און נעכט;
פֿרייד פֿון זון אין פֿרילינגדיקן וועטער
און דאָס גליק בײַם זען אַ פּרי הענגען,
אין געבליץ און שטורעמדיק געפֿעכט.

ס׳איז פֿאַראַן אין דעם אי מוט, אי גלויבן,
זון־פֿאַרליבטקייט, אימפּעט און געיאָג,
גבֿורהשאַפֿט אַרויסצוטאַנצן אויבן,
פֿון די טיפֿענישן, און זיך ברענגען
צו דער לופֿט, צום רעגן און צום טאָג.

## Landscape

The sky is like a madman's dream, without a sun.
Instead, the sun is blossoming and swelling,
transformed into a hot
wild rosebush in the field.
The wind's a sorcerer. He buttons
    day and night together.
A root is muttering something to another root.
    A cloud is laughing in its sleep.
    In the wood a bright eye beckons from afar.
    Birds fly like falling stars.

## A Bunch of Cherries

I have brought for you a bunch of cherries,
ripe and trembling like my thoughts.
Hear – it's still breathing. O, perceive, inherit
    its lines and signs and colors, –
till their glow turns the night to ash.

Gaze at it! and let your curious eye
pierce into the cherries, one by one,
and feel a small sun rising up inside you
    from the juice that's trickling and pulsing,
full of pain and joy, under the fragile skin, –

The pain of growing, blossoming and greening
streams from the roots through days and nights together;
the joy of sunshine in the warm spring weather,
    the happiness of seeing a fruit hang safely,
despite the lightning of a clashing storm.

In such a thing there is both faith and courage,
sun adoration, eagerness and haste,
the mighty power to rise up
    from the depths and dance out merrily
to greet the air, the gentle rain, the day.

קוק עס אָן – און פֿיל, ווי זויבער, זוניק
ס׳בייגט זיך דאָס פֿאַרוויינטע צווײַגל. שפּיר
זײַן געציטער – דין, באַהאַרצט און סטרוניק,
ווייך און שטיל ווי אָטעם אויסגעברענטער, –
און זײַן גלוסט אַרײַנצוגיין אין דיר.

איצטער איז שוין ד ײַ נ ס דאָס צווײַגל קאַרשן:
האָסט דערקענט דעם ווונדער פֿון זײַן שטאַם.
האָסט דערקענט – אַצינד זײַן שיינקייט ירשן!
בייג צו אים די ציינער דײַנע נענטער
און פֿאַרזוך פֿון אייביקייט דעם טעם!

## מוראַשקע־נעסט

מוראַשקע־נעסט, דו וואַלדס אונטערבאַוווסטזײַן,
צענישטערט פֿון אַ נײַגעריקן שטאָק, –
מיט לאַבירינטן דײַנע, שטאָק נאָך שטאָק
צעפּאַלענע אין שטויב, זאָל דיר באַוווסט זײַן:
ווי דו בין איך. מײַן שאַרבן פּאַלט. אָט ווערט ער
צעטראָגן פֿון מוראַשקעלעך – פֿון ווערטער.

און יעדער וואָרט – אַרויף, אַראָפּ, אַריבער,
פֿון נערוו צו נערוו, דורך רויך און קויל.
און אַלע יאָגן פֿון די שטיבער
מיט ווײַסן אייעלע אין מויל.

1940

## י.ל. פּרץ

גלײַך אַ קוואַל וואָס שלײַפֿט זיך אָן דעם חושך אונטערערדיק,
יעדער מאָל אַלץ קלערער קלינגט אַרויף צו אונדז דײַן קול.
האָסט פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַרג אַ יאָמערדיקן טאָל,
און אַהין אַ רוף געטאָן דאָס פֿאָלק דערפֿרייט און ווערדיק.

Gaze at it – and feel how pure and sunshine-bright
the bunch of cherries bends, weeping with joy.
Sense its trembling – thin, bold, violin-string-taut,
soft and still like a spent breath, –
and its desire to enter into you.

Now it's entirely *yours*, the bunch of cherries.
You've recognized the wonder of its being.
This you have recognized – inherit now its beauty!
Bend your mouth towards it, nearer, nearer,
and try the taste that is eternity!

### Anthill

Anthill, subconscious of the forest,
demolished by a curious, poking stick, –
those labyrinths of yours, floor upon floor
crumbled to dust. This you should know:
I am like you. My skull disintegrates. And see: its shards
are borne away by little ants – by words.

And every word – going up and down, criss crossing
from nerve to nerve, past bullets and through smoky fog.
Each one rushes from its home,
in its mouth a tiny pure white egg.

1940

### I. L. Peretz

Like a subterranean spring that hones itself on darkness,
your voice rings up to us more clearly every day.
You changed a vale of tears into a mountain,
and called the people to it, dignified and glad.

נאָר דאָס פֿאָלק איז מיד געווען פֿון דורותדיקן קלעטער.
וויפֿל מאָל איז עס געבליבן שטעקן אין דער מיט!
האָסטו פֿון פֿאַרגאַנגענקייט אַ ליכט אַזאַ געשמידט
וואָס פֿאַרקניפּט זי ווי אַ רעגן־בויגן מיטן שפּעטער.

און פֿון קונצן־מאַכערס, פֿון משוגענע בטלנים
האָסטו אויסגעשטאַלטיקט אונדזער לעבן, אונדזער מיין,
ווי דער סקולפּטאָר, וואָס פֿון ווילדן גליווערדיקן שטיין
קנעט ער אויס אַן אויסגעטרוימטן גלייבנדיקן פּנים.

אונדזער ביסטו. פֿייגל צירלען דײַן געזאַנג אויף דעכער.
קינדער מאַכן לעבעדיק דײַן וואָרט מיט זייער הויך.
און בשעת מיר פֿרעגן: וועלן מיר דערגיין דײַן הייך?
ענטפֿערט אונדז אַ יום־טובֿדיקע שטים: אויב ניט נאָך העכער!

1941

But the people, tired from struggling through the generations,
kept stumbling while climbing up to reach you!
From the chains of their past you forged a light
that joins it to the future like a rainbow.

From pranksters and from crazy dreamers
you fashioned us: our life and meaning,
like the sculptor, who from raw hard stone
kneads out a trusting face that he has dreamed.

You are ours. Birds trill out your song on roofs.
The breath of children brings your word to life.
And even as we ask: will we ever reach your heights?
A joyful voice gives answer: If not higher!

1941



“In khuter” (In the hut), from the Vilna ghetto manuscript of *Siberia*, with an alteration to the first line in Sutzkever’s handwriting, NLI, ARC 4°1565, 2:349

# 1941 – 1944

## איך ליג אין אַן אָרון

איך ליג אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
איך ליג.
זאָל זײַן, ס׳איז אַ שיפֿל
אויף שטורמישע כוואַליעס,
זאָל זײַן, ס׳איז אַ וויג.

און דאָ,
ווו עס האָבן זיך גופֿן
געשיידט מיט דער צײַט,
רוף איך דיך, שוועסטער,
און דו הערסט מײַן רופֿן
אין ווײַט.

וואָס טוט זיך אין אָרון אַ צאַפּל
אַ לײַב אומגעריכט?
דו קומסט.
איך דערקען דײַן שוואַרצאַפּל,
דײַן אָטעם,
דײַן ליכט.

אזוי איז אַ פּנים דער סדר:
הײַנט דאָ,
מאָרגן דאָרט,
און איצט אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
זינגט אַלץ נאָך מײַן וואָרט.

ווילנע
30סטן אויגוסט
1941

**I Lie in a Coffin**

I lie in a coffin
as in clothes made of wood,
here I lie.
Let it be a boat
on wild stormy waves,
let it be a cradle.

And here,
where bodies have
parted with time,
I call you, sister,
and you hear my voice
from afar.

Suddenly, here in the coffin,
a body is moving. How can it be?
You approach.
And I know you: your eyes
and your breath
and your light.

This, it seems, is the order of things:
here today,
there tomorrow,
and now, in a coffin,
as in clothes made of wood,
still my word sings.

Vilna
August 30
1941

## גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפֿילה

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפֿילה – ווייס איך ניט צו ווענען,
דער, וואָס האָט אַ מ אָ ל געהערט מיך, וועט זי ניט פֿאַרנעמען,
ווייס איך ניט צו ווענען –
האַלט זי מיך אין קלעמען.

אפֿשר זאָל איך בעטן בײַ אַ שטערן: „פֿרײַנד מײַן ווײַטער,
כ׳האָב מײַן וואָרט פֿאַרלוירן, קום און זײַ אים אַ פֿאַרבײַטער!“
אויף דער גוטער שטערן
וועט עס ניט דערהערן.

נאָר אַ תּפֿילה זאָגן מ ו ז איך, עמעץ גאָר אַ נאָנטער
פֿײַניקט זיך אין מײַן נשמה און די תּפֿילה מאָנט ער, –
וועל איך אָן אַ זינען
פּלאַפּלען ביז באַגינען.

ווילנער געטאָ
17טן יאַנואַר
1942

## צום קינד

צי פֿון הונגער,
צי פֿון גרויסער ליבשאַפֿט, –
נאָר אַן עדות איז דערבײַ דײַן מאַמע:
איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד,
בײַם פֿילן ווי דײַן גופֿל קילט זיך אָפּ
אין מײַנע פֿינגער,
גלײַך איך וואָלט אין זיי געדריקט
אַ וואַרעמע גלאָז טיי,
פֿילנדיק דעם איבערגאַנג צו קאַלטקייט.

ווײַל דו ביסט ניט קיין פֿרעמדער, ניט קיין גאַסט,
אויף אונדזער ערד געבוירט מען ניט קיין צווייטן, –
זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג,
און די רינגען שליסן זיך אין קייטן.

## I Long to Say a Prayer

I long to say a prayer – to whom, I do not know.
He who used to comfort me will not hear it now,
   and so I do not know –
   it fills my heart with woe.

Perhaps I'll pray to a star: "Hear, my distant friend,
I have lost my word; oh, come and take its place!"
   But even the good star
   will not hear my prayer.

But I must say a prayer. In my soul some being,
my closest friend, in torment, demands that I should pray, –
   so I'll babble senselessly
   until the break of day.

Vilna ghetto
January 17
1942

## To My Child

Whether from hunger,
or my great love for you
– only your mother can bear witness to it –
I wanted to devour you, my child,
when I felt your little body cooling down
between my fingers,
as if I'd clasped them
round a glass of warm tea
and felt its slow transition into coldness.

For you are not a stranger, not a guest.
On our earth one gives birth not to another
but to oneself – that self is like a ring,
the rings linking together to form chains.

קינד מײַנס,
וואָס אין ווערטער הייסטו: ליבשאַפּט,
און ניט אין ווערטער ביסטו עס אַליין,
דו – דער קערן פֿון מײַן יעדער חלום,
פֿאַרהוילענער דריטער,
וואָס פֿון די וועלטישע ווינקלען
האָסטו מיטן וווּנדער פֿון אַן אומגעזעענעם שטורעם
צונויפֿגעבראַכט, צונויפֿגעגאָסן צווייען
צו באַשאַפֿן דיך און צו דערפֿרייען: –

פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרטונקלט דעם באַשאַף,
מיט דעם וואָס דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און געלאָזט מיך בעטלערדיק אין דרויסן
צוזאַמען מיט אַ וועלט אַן אויסגעשנייטער,
וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפֿן אויף צוריק?

דיך האָט ניט דערפֿרייט קיין וויג,
וואָס יעדער איר באַוועגונג
באַהאַלט אין זיך דעם ריטעם פֿון די שטערן.
עס מעג די זון צעברעקלען זיך ווי גלאָז –
ווײַל קיין מאָל האָסטו ניט געזען איר שײַן.
אַ טראָפּן סם האָט אויסגעברענט דײַן גלויבן,
דו האָסט געמיינט:
ס׳איז וואַרעם־זיסע מילך.
– – – – – – – – – – – – – – – – – – –
איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד.
כּדי צו פֿילן דעם געשמאַק
פֿון מײַן געהאָפֿטער צוקונפֿט.
אפֿשר וועסטו בליִען ווי אַ מאָל
אין מײַן געבליט.

נאָר איך בין ניט ווערט צו זײַן דײַן קבֿר.
וועל איך דיך אַוועקשענקען
דעם רופֿנדיקן שניי,
דעם שניי – מײַן ערשטן יום־טובֿ,
און וועסט זינקען
ווי אַ שפּליטער זונפֿאַרגאַנג

My child,
in words your name is love.
But not in words alone:
you are the kernel of my every dream,
that third person concealed.
From the corners of the world,
through the miracle of an unseen storm,
you brought together, fused two human beings
to create you and rejoice.

Why have you darkened all Creation
by closing your eyes
and leaving me outside, a beggar,
together with a snowed-up world,
which you have cast behind you?

No cradle has delighted you,
its every rocking movement
concealing in itself the rhythm of the stars.
Let the sun smash itself like glass
since you have never seen its light.
A drop of poison has burnt out your trust.
You thought:
it's warm sweet milk.
– – – – – – – – – – – – – – – –
I wanted to devour you, my child,
to experience the taste
of my hoped-for future.
It might be you would blossom in my blood
as once you did.

I am not worthy, though, to be your tomb,
so I will part with you
and give you to the calling snow,
to the snow – my first delight –
and you will sink
like a splinter of the sunset

אין זײַנע שטילע טיפֿן
און אָפּגעבן אַ גרוס פֿון מיר
די אײַנגעפֿרירטע גרעזלעך – – –

ווילנער געטאָ
18טן יאַנואַר
1943

**ווי אַזוי?**

ווי אַזוי און מיט וואָס וועסטו פֿילן
דײַן בעכער אין טאָג פֿון באַפֿרײַונג?
ביסטו גרייט אין דײַן פֿרייד צו דערפֿילן
דײַן פֿאַרגאַנגענקייטס פֿינצטערע שרײַונג
ווו עס גליווערן שאַרבנס פֿון טעג
אין אַ תּהום אָן אַ גרונט, אָן אַ דעק?

דו וועסט זוכן אַ שליסל צו פּאַסן
פֿאַר דײַנע פֿאַרהאַקטע שלעסער.
ווי ברויט וועסטו בײַסן די גאַסן
און טראַכטן: דער פֿריִער איז בעסער.
און די צײַט וועט דיך עקבערן שטיל
ווי אין פֿויסט אַ געפּאַנגענע גריל.

און ס׳וועט זײַן דײַן זכּרון געגליכן
צו אַן אַלטער פֿאַרשאָטענער שטאָט.
און דײַן דרויסיקער בליק וועט דאָרט קריכן
ווי אַ קראָט, ווי אַ קראָט – –

ווילנער געטאָ
14טן פֿעברואַר
1943

into its still depths
and greet for me
the frozen blades of grass…

Vilna ghetto
January 18
1943

**How?**

How and with what will you fill
your cup on the day of deliverance?
Are you ready to feel in your joy
the dark screams of your past,
where the skulls of the days petrify
in a bottomless, limitless pit?

You will search for a key which would fit
the jammed locks of your doors.
For bread you will gnaw on the streets
and will think: the past times were better.
And time will drill silently through you
like a cricket trapped in a fist.

And your memory will come to resemble
an ancient buried city.
And your gaze will creep all around there,
like a mole, like a mole – –

Vilna ghetto
February 14
1943

## קערנדלעך ווייץ

הײלן, דערלאַנגט זיך אַן עפֿן,
צעשפּאַלט זיך פֿון אונטער מײַן האַק!
אײדער די קויל וועט מיך טרעפֿן –
איך ברענג אײַך מתּנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תּכלתנע דפֿן
מיט פּורפּור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפֿן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

ווי בײַם באַשיצן אַן עופֿל –
איך לויף מיטן ייִדישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הײפֿל,
דער גײַסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק אינעם שײַטער די אָרעמס
און פֿריי זיך: דער עיקר איז דאָ!
מײַנס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און ייִוואָ.

אָ, ווי מיך פּײַניקט אַ שײמע
פֿאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס׳וואַרגן מיך לידער געהײמע:
– באַהאַלט אונדז אין דײַן לאַבירינט!

גראָב איך און פֿלאַנץ מאַנוסקריפּטן,
און גיט מיר דער ייִאוש אַ פֿלײץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשׂה מיט קערנדלעך ווייץ.

דעמאָלט די שטערן דערצײל איך:
אַ מאָל האָט בײַם נילוס געבויט
זײַן פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניקן דאָרט נאָכן טויט.

**Grains of Wheat**

Caves, open up quickly,
split apart under my axe!
Before I am killed by a bullet –
I bring you gifts in a sack.

Ancient azure pages
purple on silvery hair,
words on parchment, created
over thousands of years of despair.

As if protecting a baby – ,
I run with the Yiddish word,
digging in every courtyard,
that the soul may not be destroyed.

I stretch my hands into the bonfire
and rejoice, for the essence is saved!
I still possess Amsterdam, Worms,
Livorno, Madrid and YIVO.

How I grieve to see one sacred page
carried off by the smoky wind!
Secret poems choke me; they whisper:
"O, hide us in your labyrinth!"

I dig and plant manuscripts deep,
and my heart is flooded with grief;
then I suddenly think of Egypt,
and a story of grains of wheat.

Once a king built a pyramid high
– to the stars I tell the story –
by the banks of the River Nile,
after death to reign there in glory.

זאָל מען אין גילדענעם אָרון
אָנשיטן, האָט ער באַפֿעלט,
קערנדלעך ווייץ – לזכּרון
פֿון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

נייַן טויזנט יאָר האָבן זונען
געביטן אין מידבר דעם גאַנג,
ביז מ׳האָט די קערנער געפֿונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

נייַן טויזנט יאָר שוין פֿאַרגאַנגען!
נאָר ווען מ׳האָט די קערנער פֿאַרזייט, –
האָבן אין זוניקע זאַנגען
צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.
– – – – – – – – – – – – – – – – –
אפֿשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט –
וועלן אין שעה אין באַשערטער
צעבליִען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראַלטער קערן
וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין זאַנג, –
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פֿאָלק, אין זייַן אייביקן גאַנג.

ווילנער געטאָ
מאַרץ
1943

"Pour into my golden coffin,"
– thus his command was heard –
"grains of wheat, for a memory
of this, our earthly world."

For nine thousand years the suns
in the desert would come and go,
till the grains of wheat were discovered
in the pyramid, not long ago.

Nine thousand years had passed,
but when the grains were sown, –
sunny ears of wheat
blossomed, row upon row.
– – – – – – – – – – – – – – – –
Perhaps these words will also
live to see the light –
and in the destined hour,
will blossom again, shining bright?

And like the ancient grain
transformed into wheat once more,
these words will also nourish
these words will also belong
to the people, for evermore.

Vilna ghetto
March
1943

**יעדער שעה, יעדער טאָג**

יעדער שעה, יעדער טאָג, –
איז מער ניט קיין שעה,
איז מער ניט קיין טאָג,
ס׳איז אַ גרייטער מזבח בײַ דיר אין געביין,
ווו פֿאַרשלונגען ווערט אַלץ, וואָס דו פֿילסט, וואָס דו זעסט,
און דו זינגסט נאָך דערבײַ, ווען דו פֿרעסט
זיך אַליין.

ווילנער געטאָ
27סטן אַפּריל
1943

**פֿאַרברענטע פּערל**

ניט דערפֿאַר ווײַל מײַנע ווערטער וואַרפֿן זיך
גלײַך ווי הענט צעבראָכענע נאָך רעטונג,
ניט דערפֿאַר, ווײַל ציינערדיק זיי שאַרפֿן זיך
צו אַ לײַב אין פֿינצטערניש, – נאָך זעטונג, –
בלאָזסטו אויף די קוילן פֿון מײַן גרימצאָרן,
דו געשריבן וואָרט, – מײַן וועלטס פֿאַרבײַטער;
נאָר דערפֿאַר, ווײַל דײַנע קלאַנגען גלימצערן
ווי פֿאַרברענטע פּערל
נאָך אַן אויסגעצאַנקטן שײַטער,
און קיינער – אויך ניט איך – דורך טעג צעריבענער,
דערקענט שוין ניט די פֿרוי אין פֿלאַם געוואַשן,
וואָס פֿון אַלע פֿריידן איז געבליבן איר
גראָ־פֿאַרברענטע פּערל אין די אַשן – –

ווילנער געטאָ
28סטן יולי
1943

## Every Hour, Every Day

Every hour, every day, –
is no longer an hour,
is no longer a day,
it's a sacrificial altar prepared in your bones,
where all that you feel, that you see, is consumed,
yet still you sing, as you devour
yourself.

Vilna ghetto
April 27
1943

## Burnt Pearls

It's not because my words are trembling
like broken hands, yearning for rescue;
it's not because, like teeth, they hone themselves
on flesh in darkness, – craving satisfaction, –
that you fan up the flames of my great rage,
you written word – my alternative world;
but it's because your sounds are glimmering
like burnt pearls
in a pyre that has died down,
and none – not even I – crushed by the days
can recognize the woman washed in flames,
whose only remnant now of all her joys
are grey burnt pearls in the ashes – –

Vilna ghetto
July 28
1943

**די בלייַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערייַ**

מיר האָבן ווי פֿינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פֿאַנגען די ליכטיקע לופֿט פֿון דער פֿרייַ –
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלייַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערייַ.
מיר, טרוימער, באַדאַרפֿן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייַסט פֿונעם בלייַ.

און מיר האָבן ווידער געעפֿנט דעם שטעמפּל
צו עפּעס אַ היימישער אייביקער הייל.
מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, בייַ שייַן פֿון אַ לעמפּל –
געגאָסן די אותיות – אַ צייל נאָך אַ צייל,
אַזוי ווי די זיידעס אַ מאָל אינעם טעמפּל
אין גילדענע יום־טובֿ־מנורות – דעם אייל.

דאָס בלייַ האָט געלויכטן בייַם אויסגיסן קוילן,
מחשבֿות – צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פֿון בבֿל, אַ שורה פֿון פּוילן,
געזאָטן, געפּלייצט אין דער זעלביקער מאָס.
די ייִדישע גבֿורה, אין ווערטער פֿאַרהוילן,
מוז אויפֿרייַסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס!

און ווער ס׳האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין
פֿאַרקלאַמערט אין העלדישע ייִדישע הענט –
געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פֿאַלן פֿון יענע גראַניטענע ווענט;
פֿאַרנומען די ווערטער, פֿאַרשמאָלצן אין בלייַען,
און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.

ווילנער געטאָ
12טן סעפּטעמבער
1943

**The Lead Plates of Romm's Printing House**

Like fingers stretched out through the bars of a prison
to capture the bright air of freedom –
so we ran through the night, to capture the plates,
the lead plates of Romm's printing house.
We dreamers must now become soldiers, and melt
into bullets the soul of the lead.

And now once again we have broken the seal
to enter a cavern, familiar, eternal.
Armed only with shadows, by the light of a lamp
we poured out the letters – line after line,
just like our grandfathers once in the temple
poured into golden menorahs the oil.

The lead shone as from it we poured out the bullets,
thoughts melted together – letter by letter.
One line from Babylon, one line from Poland
seethed, flooded into identical moulds.
And now Jewish valor, concealed in these words
must with a gunshot, tear open the world!

And he who has seen, in the ghetto, a weapon
grasped in courageous Jewish hands –
then it's Jerusalem's struggle he's witnessed,
the fall of those great granite walls;
he can hear all the words that were forged into bullets,
and their voice he has recognized deep in his heart.

Vilna ghetto
September 12
1943

**זינג ניט קיין טרויעריקס**

זינג ניט קיין טרויעריקס,
טו ניט פֿאַרשעמען
דעם טרויער.
ווערטער פֿאַרראַטן.
עס שטעלן זיך נעמען
קאַפּויער.

קוק אויפֿן שניי
און באַלײַכט מיט זײַן רו
דײַן זכּרון:
ליכט איז די שפּראַך פֿון דײַן האַרצן.
און דו –
נײַ־געבאָרן.

שטרעק דײַנע פֿינגער צום שניי,
צו די קאַלטע
געוועבן.
אויסלייזן וועסטו אין זיי
דאָס באַהאַלטענע
לעבן.

נאַראָטשער וועלדער
5טן פֿעברואַר
1944

**פֿאַרפֿרוירענע ייִדן**

האָסטו געזען איבער פֿעלדער מיט שניי
פֿאַרפֿרוירענע ייִדן, אַ ריי נאָך אַ ריי?

זיי ליגן אָן אָטעם, פֿאַרמירמלט און בלאָ,
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס ניטאָ.

ווײַל ס׳פֿינקלט אויך ערגעץ פֿאַרפֿרוירן דער גײַסט,
ווי אַ גילדענער פֿיש, אין אַ כוואַליע פֿאַראײַזט.

## Sing no Sad Songs

Sing no sad songs,
do not shame
sorrow.
Words only deceive.
Names turn themselves
upside down.

Gaze at the snow.
Let your memory shine
with its peace:
light – your heart's language,
and you –
are reborn.

Let your fingers reach out to the snow,
to its icy cold
webs.
And your touch will release
the life that awaits there,
concealed.

Narotsh woods
February 5
1944

## Frozen Jews

Have you seen, across fields full of snow
frozen Jews lying, row upon row?

They lie, marbled and blue, without breath
and yet in their bodies there is no death.

For somewhere still their spirit gleams,
like a golden fish, in a frozen stream.

זיי ריידן ניט. שווײַגן ניט. יעטוועדער ט ר אַ כ ט.
און די זון ליגט פֿאַרפֿרוירן אין שניי אויך בײַ נאַכט.

עס גליט אויף אַ ראָזלעכער ליפּ אין געפֿריר
אַ שמייכל און קען זיך ניט געבן קיין ריר.

אַ טראָט לעם דער מאַמען ליגט הונגעריק ס׳קינד
און מאָדנע: זי קען עס ניט זייגן אַצינד.

און ס׳גליווערט אַ פֿויסט בײַ אַ נאַקעטן גרײַז
און קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

כ׳האָב אַלערליי טויטן פֿאַרזוכט ביז אַהער
און ס׳קען מיך שוין קיינער ניט וווּנדערן מער.

נאָר אַצינד אין דער יוליקער היץ אויף אַ גאַס
באַפֿאַלט מיך אַ פֿראָסט ווי ס׳באַפֿאַלט משוגעת:

עס גייט מיר אַנטקעגן דאָס בלאָע געביין –
פֿאַרפֿרוירענע ייִדן אויף שנייִקן פּליין.

מײַן הויט ווערט באַצויגן מיט מירמלנער שיכט,
און אָפּשטעלן נעמט זיך דאָס וואָרט און דאָס ליכט.

און אויך מײַן באַוועגונג פֿאַרפֿרירט, ווי בײַם גרײַז,
וואָס קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

מאָסקווע
10טן יולי
1944

They speak not. Are not silent. *Thoughts* fill each head.
By night, frozen in snow, the sun lies dead.

Glowing on rosy lips in the frost
there's a smile, that can't move, and is lost.

A hungry child lies by its mother, quite near
but, strangely, the mother can't suckle it here.

The fist of a naked old man, petrified,
can't free its strength and escape from the ice.

I've experienced all kinds of deaths from before,
and none can surprise me or shock any more.

But now in July, in the city's heat,
frost attacks me, like madness, here in the street.

And all the blue corpses come toward me again –
frozen Jews on a snowy plain.

A layer of marble spreads over my skin,
and slowly the word and the light start to dim.

My limbs freeze, like the old man, petrified,
who could not free his strength and escape from the ice.

Moscow
July 10
1944



A page from Sutzkever's ghetto diary, dealing with the liquidation of the ghetto and the planned escape of the Jewish partisans, NLI, ARC 4°1565

# 1945 – 1948

## צום דינעם אָדערל אין קאָפּ

צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פֿאַרטרוי איך זיך אין גאַנצן.
מײַן וואָרט זיך נערט אין זײַן קרישטאָליק־זינגענדיקן שטויב.
און אַלע זיבן חכמות, וואָס דער ווירבל וויל פֿאַרפֿלאַנצן –
זיי פֿאַלן אָפּ אַנטפֿליגלטע ווי האָגל אָן אַ שויב.

איך ליב דאָס וואָרט פֿון איין געשמאַק, וואָס זאָל אין זיך ניט פֿאַלשן,
און ניט קיין זיס־און־זויערן היבריד מיט פֿרעמדן טעם.
אַלץ איינס, צי שטײַג איך הויך אויף מײַנע ריפּן צי איך פֿאַל שוין –
דאָס וואָרט איז מײַנס. אין שוואַרצאַפּל פֿון טויט – אַ שטיקל פֿלאַם.

ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן מײַן דור – איז גרעסער נאָך זײַן קלײנקייט.
נאָר אייביק איז דאָס וואָרט מיט גאָר זײַן מיאוסקייט און פּראַכט.
צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פֿאַרטרוי איך לעצטע שיינקייט:
אַ ווינט. אַ בינטל גראָז. דעם לעצטן שטערן פֿון דער נאַכט.

1945

*

ווען כ׳וואָלט ניט זײַן מיט דיר בײַנאַנד,
ניט אָטעמען דאָס גליק און וויי דאָ, –
ווען כ׳וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
וווּלקאַניש לאַנד אין חבֿלי־לידה;
ווען כ׳וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
וווּ יעדער שטיינדל איז מײַן זיידע –
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מײַן גומען.
ביז אויסגעגאַנגען כ׳וואָלט פֿאַרגוי׳ט,
און בלויז מײַן בענקשאַפֿט וואָלט געקומען...

1947

**To the Thin Artery in My Head**

To the thin artery in my head I entrust myself entirely.
My word is nourished by its singing crystal dust.
And all the seven wisdoms, which the whirlwind tries to plant –
They lose their wings and fall, like hail on window panes.

I love the word that has one single flavor, – pure, not false,
no sweet and sour hybrid with a foreign taste.
It matters not if I rise high or if I fall –
The word is mine. In the pupil of death's eye – a little flame.

However great my generation – greater still its smallness.
But the word with all its ugliness and splendor, is eternal.
To the thin artery in my head I entrust the final beauty:
a wind. A tuft of grass. The last star of the night.

1945

*

Had I not been here with you
breathing in your joy and pain, –
had I not burned together with the land,
volcanic land in her birth pangs;
had I now, after my *akeyde*,
not been born together with the land,
where every little stone is my grandfather –
then bread would not have satisfied my hunger,
water not have quenched my thirst.
I would have perished as an exile,
and only my yearning would have reached its home…

1947

## דער שניי אויפֿן חרמון

מאי קאָ משמע לן דער שניי, וואָס אויפֿן חרמון אויבן?
ער אַנטפּלעקט מיר אַ באַשנייטע, אָוונטיקע כאַטע,
ווען באַגאַרטלט מיט אַ זעג עס קומט אַרייַן מייַן טאַטע,
און די זון, וואָס בלאָנדזשעט אינעם וועלדל אויף די שויבן,
פֿינקלט אין זייַן באָרד זייַן אָנגעאייַזיקטע, אין כאַטע.

ער דערמאָנט מיר אָן די ייִדן, וואָס ווי שנייען קלאָרע,
זענען זיי ג ע פֿ אַ ל ן שטומערהייט אַ גאַנצן ווינטער
און זיי ליגן הינטער מייַנע שוואַרצאַפּלען, – אַהינטער,
בענקען אַז אַ פֿרילינג זאָל זיי מאַכן אַ הזכּרה.
נאָר איז דען פֿאַראַן אַזאַ מין פֿרילינג אַ צעגרינטער?

פֿויגל פֿונעם חרמון! וואָס איך האָב געשלאָסן קאַנטשאַפֿט
נאָך אין אל ה צ פּ ו ר מיט דייַן האַרציקער נגינה, –
ברענג א שניי אַ קינדישן אויף דייַנע פֿליגל דינע
פֿון מייַן היים, דער עיר ואם, – וועט ליבער זייַן די לאַנדשאַפֿט.
אָנעם שניי וועט קאַלט זייַן אין דער פֿלאַמיקער מדינה.

1948

## הירשן בייַם ים־סוף

דער זונפֿאַרגאַנג האָט זיך פֿאַרעקשנט מיט העזה
צו בלייַבן אין ים־סוף בייַ נאַכט, ווען עס קומען
צום פּאַלאַץ פֿון וואַסער – די אומשולדיק ראָזע,
די איידעלע הירשן צו שטילן דעם גומען.

זיי לאָזן די זייַדענע שאָטנס בייַם באָרטן
און לעקן אין ים־סוף די רינגען פֿון קילקייט
מיט פֿידלענע פּנימער לאַנגע. און דאָרטן
געשעט די פֿאַרקנסונג בייַ זיי מיט דער שטילקייט.

געענדיקט – אַנטלויפֿן זיי. רויזיקע פֿלעקן
באַלעבן דעם זאַמד. נאָר עס בלייַבן פֿול יאָמער
די זונפֿאַרגאַנג־הירשן אין וואַסער און לעקן
די שטילקייט פֿון יענע, וואָס זענען ניטאָ מער.

## The Snow on Mount Hermon

What means to me the snow upon Mount Hermon?
It reveals to me a snowed-in hut at evening,
when my father, girdled with his saw, comes in,
and the sun, wandering through the forest on the windows,
sparkles in his frosted beard, in our hut at evening.

It reminds me of the Jews, who, like pure flakes of snow,
silently *fell* all winter long,
and they lie behind the pupils of my eyes,
yearning for a spring to come and give them a memorial.
But can such a verdant spring exist upon the earth?

Bird of Mount Hermon! It was in *El hatzipor*
that I first met you and your joyful song. –
Bring me back some childhood snow upon your tiny wings
from my home, my *ir veeym* – and I will love this landscape more.
Without that snow it will be cold in this hot fiery land.

1948

## Deer at the Red Sea

The sunset has boldly and stubbornly lingered
in the Red Sea at evening, till the hour when they come
to the palace of water – the rosy and innocent
noble deer, eager to soothe their parched throats.

On the shore they abandon their shadows of silk
and lap in the Red Sea the circles of coolness
with long slender violin faces. And there
the betrothal takes place between deer and the stillness.

They finish – and flee. And flecks of rose color
give life to the sand. But the sunset deer linger
alone in the water, lamenting,
and lapping the silence of those that are gone.

## פֿעלדזענע שפּיגלען

אויב זען ווילסטו איין מאָל די אייביקייט
פּנים־אל־פּנים,
און, אפֿשר, ניט שטאַרבן –
די אויגן באַהאַלט,
דריי אַראָפּ זיי
ווי קנויטן אין שאַרבן.
און דעמאָלט
אַן אין־זיך־געצונדענער,
גיי, וווּ עד־היום
דײַן וואַנדערשאַפֿט איז ניט מסוגל געווען זי צו טרעפֿן –

און גיב זיך אַן עפֿן
אַנטקעגן די פֿעלדזענע שפּיגלען פֿון ירושלים.

1947

## פֿון: קאָמענטאַרן צו אַ פּנים אין שפּיגל

און וועסטו פֿאַרמאָלן דאָס בילד פֿון דער ייִדישער גאַס,
מיט פּענדזל געטונקט אין דײַן זוניקן, נײַעם פּאַלעטער, –
זײַ וויסן: די פֿאַרבן די איצטיקע וועלן זיך שיילן.
דאָס געוועזענע בילד מיט אַ האַק וועט באַפֿאַלן דיך שפּעטער,
פֿאַרווונדן אַזוי, אַז דאָס נײַע וועט קיין מאָל ניט היילן.

1949

## פֿון: אַ בריוו צו די גראָזן

**1.**

מיר איז אומעטיק און גוט,
ווי ערבֿ מײַן געבאָרן.
אָפּגענאָפּלט פֿון זכּרון,
ווי אַ רויז אין וואַזע,

**Mirrors of Stone**

If you yearn to look once on eternity
face to face,
and, perhaps, not die –
cover your eyes,
turn them down
like wicks in your skull.
And then,
with the light burning inside yourself,
go, where till now
your wandering has never been able to find it –

And open your eyes
face to face with Jerusalem's mirrors of stone.

1947

From: **Commentaries on a Face in the Mirror**

And if you paint over the picture of past Jewish life,
with a brush that you've dipped in your sunny new palette, –
then know that these colors, now glowing, will peel.
The past image will later take hold of an axe and attack you,
and will wound you so badly, the new one can never more heal.

1949

From: **A Letter to the Grasses**

**1.**
I feel sad and happy,
like a baby in the womb.
Severed from my memory,
like a rose in a vase,

קושט זיך מיטן זונפֿאַרגאַנג צונויף
מײַן עולם־הזה.
הײַנט האָב איך צעשניטן זיך אומישנע
מיט א שטיקל גלאָז מײַן האַנט,
געוואָלט זיך איבערצײַגן,
צי דער גאָלדשמיד פֿון יסורים
האָט נאָך זײַן טאַלאַנט.
געזען אַז יאָ –
האָט ביזן סאַמע דנאָ
אַ זעלטן גליק באַצוווּנגען מײַנע גלידער:
גוט נאָוונט גראָזן, אַ גוט נאָוונט ווידער!

**.5**

די ליפּן קניִען פֿאַרן וואָרט דעם אָפּגעזונדערטן און מאָנען:
„הלמאי געלאָזן אונדז אַליין, מיר זאָלן זינגען מער ניט קאָנען?
צו וואָס די פֿליִעניש צו גאָט? אַז אָן דײַן זוניק ליכט – ווי בלעטער
פֿאַרוועלקן מיר און ועפּן אויס אין גאָרנישטקייט אין פֿיאָלעטער!
אַ קיניגין פֿון בינשטאָקס מויל, אַרויסגעפֿלויגן און ניטאָ מער –
אַזוי ביסטו פֿון אונדז אַוועק אין רעגנס תּאווהדיקן יאָמער.
אין ווינקלען אונדזערע ווי אַש, – די מענטשנקינדער צאַנקען, צאַנקען:
באַאָטעם זיי מיט דײַן געפֿלאַם, באַלעב דאָס לעבן מיט געדאַנקען!
דײַן היים, וואָס בלאָנדזשעט אויף דער ערד, ווי דו – איז קיין מאָל ניט געשטיגן,
מיר וועלן זינגען שטומערהייט, זאָלסט קומען וועדליק אונדזער ניגון“.

די ליפּן אָפּגעשיידט פֿון וואָרט, – זיי מאָנען, זוכן אין דער פּוסטקייט
אַ מינדסטן פֿליגלפֿאָך אין ווינט, און צאַנקען אויס אין אומבאַוווּסטקייט.

**.9**

עס האָט געלוינט, אָן ספֿק,
איבערשווימען דעם סמבטיון
צו זען די געלע פֿלוים.
נאָר וואָלט, למשל,
אַ פֿעלדזנראָב ניט אָפּגעפּיקט פֿון איר
אַ פּיצל שאַרבן,
און ס׳וואָלט ניט אָפּגעקלאַפּט פֿון איר
אַ בלישטשענדיקער יאָדער –
וואָס זשע וואָלט מיר אָנגעגאַנגען
יענע געלע פֿלוים,
אַפֿילו ווען דער גאַנצער בוים

the sunset and my sensual delight
meet in a kiss.
Today, deliberately, I cut my hand
with a shard of glass,
to ascertain
whether the goldsmith of pain
still retains his talent.
When I found he does indeed –
then to the very depths of me,
great joy took possession of my limbs:
good evening, grasses, I greet you once again!

**5.**
The lips kneel down before the separated word, demanding:
"Why have you deserted us, so we can sing no more?
Why did you fly to God? Without your sunny light – like leaves
we wither, and fade to purple nothingness!
A queen has flown out from the beehive's mouth and disappeared –
thus you left us for the passionate lamentation of the rain.
In our ashy corners – human beings flicker, dying:
Breathe your flames into them, bring life alive again with thoughts!
Your home, that wanders on the earth like you – has never risen up.
We will sing mutely. Come, respond now to our melody."

Separated from the word, the lips demand, and search the emptiness
for the slightest wingbeat in the wind, then fade into unconsciousness.

**9.**
It was worthwhile, without a doubt,
to swim across the Sambatyen,
to see the yellow plum.
But if, for instance,
a raven had not pecked from it
a tiny piece of skull,
and had not exposed
a shining kernel –
what would it have meant to me,
that yellow plum,
even if the tree itself

אויף איר איז אָנגעהאַנגען,
ווי אַ גרינער בגד אויף אַ נאָגל?
ס׳וואָלט דעמאָלט ניט כּדאַי געווען דער וואָגל.

די געלע פֿלוים דערמאָנט אָן מיר אַליין,
עס קלאַפּט צעווישן ביידן אַ צוזאַמענדיקער אָדער:
וויפֿל ס׳זאָל דער פֿעלדזנראָב ניט פּיקן מיַין געביין,
וועט ער ניט קאָנען אויפֿזיגלען מיַין בלישטשענדיקן יאָדער.

**12.**
איידער כ׳וועל מיט שאָטן זיך באַהעפֿטן –
ענטפֿערט, גראָזן, אויף אַ קליינע שאלה:
צווישן אַלע איַיערע געשעפֿטן,
קלערט איר וועגן מענטשן אויך אַ ווייַלע?

**14.**
אַז איר זאָלט קאָנען ענטפֿערן,
אַז איר זאָלט קאָנען פֿרעגן, –
מוז איך קודם זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ ווילדן רעגן,
דעמאָלט וועט איר איַינזאַפּן ביז ווייטיק מיַינע טראָפּנס.

צום ווידערזען
אין צימערל,
אין חלום מיַינעם, גראָזן.
צום לידערזען
אין שימערל,
וואָס איך האָב איַיך געלאָזן –
און פֿאַרגעסט ניט אויפֿבליִען אַ מאָל ביַי מיַין צוקאָפּנס.

1948

had been attached to it,
hanging like a green garment on a nail?
The journey then would not have been worthwhile.

The yellow plum reminds me of myself.
Between us both there beats a common pulse:
however much the raven pecks my bones,
he will not manage to expose my shining kernel.

**12.**
Before I am united with the shadows once again –
answer, grasses, just a little question that I ask:
though you're busy with so many tasks
do you also think about us humans now and then?

**14.**
So that you can answer,
so that you can ask, –
I must first transform myself into torrential rain,
and then you will drink in my raindrops till you ache.

Till we meet again
in my dream,
in my own room, grasses.
Till we sing again
in the gleam
that I have left you, grasses –
And don't forget to blossom some day beside my bed.

1948



דער מײַן פֿון מײַן הײַנטיקן רעפֿעראַט איז אױפֿצולעבן אין װאָרט
מײַנע פֿאַרשניטענע חבֿרים פֿון דער שרײַבער און קינסטלער גרופּע
יונג־װילנע. די גרופּע װאָס זלמן רײזען — איך אַ קרײַן
פֿון רישעותדיקער [struck through] — האָט דורך זײַן צײַטונג װילנער
טאָג, אין אָקטאָבער 1929 דעם ערשטן מאָל פֿאָרגעשטעלט
פֿאַר די לײענערס. די ספּעציעלע בײַלאַגע, מיט שאַפֿונגען פֿון
באַװוסטע אומבאַקאַנטע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, האָט געהאַט
זלמן רײזענס אַן איבערשריפֿט: ״דער אַרײַנמאַרש פֿון יונג־װילנע
אין דער ייִדישער ליטעראַטור״.

ס׳איז באמת געװען אַן אַרײַנמאַרש. דער תּנועות ישׂראל
האָט אָנגעהױבן זײַן פֿרישער האָפֿערדיקער ריטעם. משה
קולבאַק, אונדזער גרױסער בן־עיר, האָט אױסגעזונגען פֿאַר
די יונג־װילנער זײַן מעלאָדישן מאָטאָ:

אין בראָנדזענע װעגן
דאָ פֿױלן זיך דעמאָלט
אַ װילן
די שטילן
דעם זאַגן
פֿון יאָרן
װאָס זײַנען פֿאַרלאָרן.

שפּעטער — אין תּשעה בײַם חורבן ירושלים דליטא — זײַנען דערגעקומען
נײַע שרײַבערס און קינסטלערס, און אױך איבער זײער
אַרײַנמאַרש האָט דער שר פֿון ייִדיש געמאַכט אַ ברכה.

געצײלטע זײַנען געבליבן לעבן פֿון אַלע די שרײַבערס און קינסטלער־
גרופּע. זײ זײַנען פֿאַרװאָרפֿן איבער דער װעלט װי שפּליטערס
פֿון אַן אױפֿגעריסענעם דימענט. בלױז אין זײער
הײמשטאָט איז נישט פֿאַראַן מער קײן אײן לעבעדיקער
יונג־װילנער.

אָבער נישט װעגן די װאָס האָבן זיך נסימדיק געראַטעװעט — װיל
איך הײַנט דערצײלן. זײער ניגון דעם פֿאַרטומטן זינגען
זײ װײַטער און איך אױך, און זײער טרערן־פּערלעקײט,
האָבן זײ אױך דעם פּינקלדיקן נר־תּמיד נאָך זײער
פֿאַרשניטענער הײם.
זײער ניגון קען זײַן ירושה פֿון די איבערגעבליבענע מיטומגעקומענע.

2:337

Manuscript of Sutzkever's lecture on Young Vilna, NLI, ARC 4°1565, 2: 337

# 1950 – 1959

# אָדע צו דער טויב

## I

זעלטן, אַ מאָל אין דער קינדהייט, באַווייַזט זיך קאָליריק און בלענדיק
אונטער די שטערן אַ מלאך, זייַן ניגון וועט נאָכשפּילן שטענדיק.
האָט זיך באַוויזן – אַנטרונען אויף יענער זייַט וועלטישן גדר,
איבערן היימישן קוימען אַ סימן געלאָזן – אַ פֿעדער.

גאָר ניט קיין פּשוטער מלאך, ווי קומט אים אַ ייִנגל אין זינען?
וווּנדער! אַ טויב איז די פֿעדער אין שנייען־מאַגנעט פֿון באַגינען.
פֿלאַטערט די טויב ערשט־געבוירן, צו לערנען זיך – ניט קיין סעקונדע,
ביזקל זי פֿאַלט בייַ זייַן גאַניק אין זילבערנע שוועבונגען רונדע.

פֿינגערשע נעסטן פֿון ייִנגל דערוואַרעמען זי און זיי קושן.
וואָרקען מיט זוניקן אָטעם אויף ס׳נייַ אירע שנייִיקע פּליושן.
לערנט דער ייִנגל זי פֿליִען, אַ פּיק טאָן ווי אַרבעס דעם נעפּל.
– האָסט מיך געראַטעוועט, ליבער, – דערלאַנגט זי אַ קנייטש מיטן קעפּל –

וואָסער מתּנה פֿאַרלאַנגסטו, נאָר שלאָג זיך ניט לאַנג מיט דער דעה,
אפֿשר דעם סוד פֿון מייַן ווייַסקייט, אַן אייביקן שניי, אַ קמיע?
ענטפֿערט דער ייִנגל בגילופֿן: מייַן ליבינקע, בין איך דיר טייַער,
קום, אַז אַ מאָל כ׳וועל דיך רופֿן אין רעגן אין שניי און אין פֿייַער.

## II

קלאַנגען אין ליפּן געפֿאַנגען, ווי פּערל אין ימיקע שלעסער,
שטומען שוין טויזנטער יאָרן, און איבער דער שטומקייט – אַ מעסער.
– טייַבעלע, קינד פֿון דער קינדהייט, גיב לשון די ליפּן, גיב לשון,
הער דאָס געוויין פֿון די קלאַנגען, אַניט איז אַ חלום פֿאַרלאָשן...

פּלוצעם – אַ קוש מייַנע ליפּן. ווער בין איך, ווו בין איך? די שלעסער
שליסן אַליין זיך פֿונאַנדער. די שטומקייט – צעשניטן פֿון מעסער.
פּערל און פּערל און פּערל, מיט ימיקע רוישן געהיימע,
רעגענען שוין פֿון די ליפּן, ס׳באַפֿאַלט מיך אַ פּערלנע אימה.

# Ode to the Dove

## I.

Seldom, but sometimes in childhood, appears brightly colored and shining
under the starlight an angel, his melody lingers for ever.
Then he escapes and flies off to the regions beyond the horizon,
leaving behind, floating over my chimney, a sign that he's been here – a feather.

Not just an ordinary angel, what would put him in mind of a boy?
A miracle! His feather's turned into a dove in the snow-white magnet of dawn.
The baby dove, fluttering, endeavors to fly – but in less than a second
she sinks down in silvery circles beside the boy's threshold.

The boy's finger nests encircle the dove and they warm her with kisses.
Her snowy soft feathers coo once again, with a breath warm as sunshine.
He teaches the dove how to fly, and to peck through the mist with her beak.
"You have saved me, my dearest" she says to him, graciously bowing her head.

"What gift would you have? You must answer me swiftly, don't ponder too long;
an amulet? Snow everlasting? Or the secret, perhaps, of my whiteness?"
Drunk with delight the boy answers: "My dear one, if truly you love me,
then come, if sometimes I should call you, in rain and in snow and in fire."

## II.

Sounds imprisoned in lips, like pearls in undersea castles,
have been mute for thousands of years, and above their muteness – a knife.
"Little dove, child of my childhood, give words to these lips, let them speak,
hear how the captive sounds weep; if you don't, then a dream is extinguished…"

All at once there's a kiss on my lips. Who am I, where am I? The castles
open up all by themselves. The silence – cut by the knife.
Pearls upon pearls upon pearls, with mysterious sounds of the sea,
rain suddenly down from my lips, and a pearly terror invades me.

... גרילן, ווי שוסטערלעך, קלאַפּן די גראָזן אַרײַן אין מײַן שטערן,
ס׳קומט אויפֿן בוידעם אַ לאָנקע און לאָזט אויף מײַן באַק אירע טרערן.
ס׳קרייען געקוילעטע הענער לכּבֿוד אַ רגע פֿון טרויער.
שנייען צעגאַנגענע גיסן געצונדענעם ספּירט אין מײַן אויער.

ווער האָט פֿאַרשיכּורט די פֿינגער, זיי זאָלן באַשאַפֿן אַ שורה:
„אַלע וואָס ענדיקן לעבן פֿאַרזייען אין מיר זייער גבֿורה?“
– טײַבעלע, האָסט מיר געשאָנקען אַ בלעטל פּאַפּיר ווי אַ שפּיגל,
האָסט מײַנע ווערטער וואָס בלאָנקען מיר איבערגעשפּרייט מיט די פֿליגל!

## III

בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב אין דײַן חומר,
בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אייביק דאָס פּנים פֿון טרוימער.
דאָ, צווישן אָפּקלאַנגען רויע, פֿאַרזונקענע, ליימיקע פֿאָרמען,
זאַמל איך זילבערנע זילבן, צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען.

זונפֿאַרגאַנג זינגט אין אַ לעמפּל. און אונטערן מאַגישן לעמפּל
בוי איך פֿון ביינערנע קלאַנגען, באַגאָסן מיט בלוט מײַנס, – אַ טעמפּל.
ע ר  האָט דאָס וואָרט ניט דערזונגען, אַזוי איז דאָס וואָרט ניט־דערשליפֿן!
גליט דער ווולקאַן פֿון פּאָעזיע פֿאַרזיגלט אין בראָנדזענע טיפֿן.

דאָ, מיט דער פּען, דיריזשיר איך אַן אייגענע, שטילע קאַפּעליע:
קומען אין רעגן נשמות און טריפֿן אַרײַן דורך דער סטעליע.
קאַרשן, פֿאַרמויערט אין ביימער, באַפֿעל איך צו בײַטן די ערטער,
קומען אויף פּורפּורנע פֿיסלעך צו לעבן ווי קאַרשן אין ווערטער.

ווײַזט זיך אין טעמפּל אַ וואָרעם. אַזאַ צויבערײַ איז אים פֿרעמדלעך.
אמתע קאַרשן אין ווערטער צעראַצן זײַן גומען ווי זעמדלעך.
וואָרקעט די טויב ווי אַ שוועסטער: באַפֿעל, זאָלן קומען די קאַרשן,
ד ו ביסט די מאָס און דער מעסטער, פֿאַרשווונדענע זעונגען ירשן!

… Crickets, like cobblers, are tapping the grasses right into my forehead,
in the attic a meadow is growing, its tears fall onto my cheeks.
Slaughtered cockerels are crowing to honor a moment of sadness.
Snows, disappearing, now pour burning spirits right into my ear.

Who has made these fingers so drunk, that they have created a verse:
"All those who are dying have planted in me their great valor?"
"A white sheet of paper you've given to me, little dove, as a mirror
and over my lost, wayward words you protectively spread out your wings!"

## III.

Paper, you are a monument, the dove builds a nest in your body.
Oh, paper, in you, not in marble, the dreamer's face lives on forever.
Here, among harsh unripe echoes, and sunken amorphous clay forms,
like a hunter, I catch silver syllables, food for my own little dove.

The sunset sings in a lamp. And under this magical lamp
from sounds made of bone, and doused with my blood, I am building a temple.
The word, still raw and unformed, was not perfectly sung by the sunset!
Poetry, a glowing volcano, lies sealed within caverns of bronze.

Now, with my pen, I conduct my own silent orchestra here:
souls appear in the rain; see how they drip through the ceiling.
Cherries are walled up in trees, I command them to move from their prison,
to come on their small crimson feet to a new life as cherries in words.

There appears in the temple a worm. To him all this magic is alien.
Real cherries in words are scratching his palate like sand grains.
My little dove coos like a sister: "Command the cherries to come.
*You* are both potter and vessel – the vanished visions inherit!"

## IV

טענצערין מייַנע, ווער ביסטו, צי האָט דיך געבוירן אַ פֿידל?
אונטער דייַן טאַנץ ווערט צעגראָבן מייַן גאָרטנדיק לייַב מיט אַ רידל.
קראַנק איז די קליינע, לונאַטיש, אין זילבערנעם נאַכטהעמד, ניט זעלטן
שווימט זי אַוועק ווי אַ כוואַליע אין קאַלטע, צעפּליעסקעטע וועלטן.

פֿול איז מייַן קאָפּ מיט רעצעפּטן צו היילן איר הימלישן פֿיבער –
האָט אַ לבֿנהדיק ייִנגל פֿאַרליבט זיך דערווייַל אין מייַן ליבער.
וואַרף אין אים שפּיזן ווי שאָול – באַהאַלט זיך דער ייִנגל אין צווייַגן,
ווילסטו אים בינדן אין לידער – באַווייַזט ער דיר זילבערנע פֿייַגן.

טאָפּעלע שויבן באַשטעל איך צו שיצן מייַן גליק פֿון די מענער...
בלייַבן זיי גאַנץ ווי מייַן ליבע און זויבער און טאָפּל, נאָר  י ע נ ע ר
שלינגט זי אַרויס פֿון די שויבן, פֿאַרנאַרט מיט אַ שיינער מתּנה,
איידער צו טאַנצן אין טעמפּל שוין טאַנצט זי בייַם ראַנד פֿון לבֿנה.

– טייַבעלע, זאָג דער לבֿנה, זי זאָל זיך ניט צו פֿיל צעברענען,
לערן די טענצערין פֿליִען, אַרומפֿליִען מוז מען דאָך קענען!
כ׳וועל דיך באַלוינען מיט קערנער, וואָס יעדער צו דעם איז אַ בעלן,
זאָל זי ניט פֿאַלן אויף דערנער, אויב יאָ – אויף מייַן ברוסט זאָל זי פֿאַלן.

## V

בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!
קומט אין אַ פֿייַער דער טייַוול צו ברענגען מייַן טויב צום נסיון.
גראָ איז די זון. אַלע פֿאַרבן פֿאַרשפּינט ער מיט גראָע לישייַעס,
איבערגעברענט איז דער טעמפּל, ס׳אַנטלויפֿן די זייַלן ווי חיות.

קינדער, ווי גאָלדענע פֿייגל, צעלייגט ער אַצינד אין סקעלעטן,
סם אויף די ליפּן פֿון קלאַנגען, זיי זאָלן פֿאַרסמען פּאָעטן.
פּנימער שטעקן אויף העלדזער ווי שאָטנס פֿון העק אין דער נידער.
גליקלעכע זענען די טויטע ווען אייַזן און פֿלייש זענען ברידער.

זומפּיק די ערד און דער הימל, און איך ביזן האַלדז בין געזונקען.
פֿייַער – און מיר אַזוי פֿינצטער. אַ שטיין מיט פֿאַרלאָשענע פֿונקען.
בלויז אין די גלייביקע פֿינגער דאָס בלעטל פּאַפּיר דאָס פֿאַרהיטע,
מוזן די פֿייַערן קניִען, זיי האָבן אויף דעם ניט קיין שליטה.

## IV.

My dancer, beloved, who are you, were you born from a violin?
Your dance delves into my body, like a spade preparing a garden.
The little one's ill, she is moonstruck; in her silvery nightdress she often
ebbs away like a wave, into cold, watery worlds.

My head's full of remedies – cures for her heavenly fever –
but meanwhile a moon youth has fallen in love with my darling.
If you pelt him with spears like King Saul – this cunning lad hides among branches,
if you try to bind him with verses – he gives you the silvery finger.

Double windows I buy to protect my beloved from men…
Intact are the panes like my love, and immaculate, double, but he
sucks her out through the windowpanes, lures her with beautiful presents,
and rather than dance in my temple, see her dance at the edge of the moon!

"Little dove, speak to the moon, it should not blaze up too fiercely.
Teach the dancer to fly, she should master this wonderful art!
I shall reward you with seeds of the kind that every dove longs for,
only may she not fall upon thorns; if she falls, may it be on my breast."

## V.

Keep building and building your temple, with sunlit reason you'll build it!
In the midst of a fire comes the devil, to lead my dove into temptation.
He turns the sun grey and spins over all colors a grey web of lichens,
the temple is burned to the ground, its columns flee off like wild creatures.

Children, like pure golden birds, he dissects and reduces to skeletons.
Poison there is on the lips of the sounds, to poison the poets.
Faces stick out on necks in the depths, like shadows of axes.
Only the dead are happy, when metal and flesh meet like brothers.

The earth and the heavens are swamps, and I am sunk up to my neck.
Fire – but for me there's such darkness. A stone with its sparks all extinguished.
But there in the faithful fingers the leaf of white paper is rescued.
The fires are forced to kneel down. Over it they have no dominion.

ווייס איך: די טויב איז דאָס בלעטל, וואָס לאָזט ניט פֿאַרגליווערן פֿינגער,
ווערטער, ווי אייניקלעך, זאָלן געדענקען די צײַט פֿון באַצווינגער.
טעג אָן דער טויב זענען מילבן, אַ לויב צו די לויטערע פֿאָרמען!
זאַמל איך זילבערנע זילבן צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען.

## VI

– יאָ, איך בין שולדיק, בין שולדיק, אַ זינד איז געווען צו פֿאַרלאַנגען,
זאָלסט מיר די טענצערין ברענגען צוריק צו די ערדענע זאַנגען.
תּהומיקער בראַנד האָט פֿאַרשלונגען איר יונגע איינמאָליקע בלאָקייט,
זידן אַצינד מײַנע שלייפֿן מיט פּערל אין אַש – מיט איר גראָקייט.

– ניין, ביסט ניט שולדיק, ניט שולדיק, די טענצערין טאַנצט מיטן זעלבן
וואַרעמען טאַנץ פֿון דער יוגנט אין שמייכלענדיק־בלאָע געוועלבן.
וואַנדער פֿון איין לאַנד אין אַנדער, שנײַד אָפּ מאַמע־ערד פֿונעם נאָפּל,
אויבן דער טאַנץ וועט דיר העלפֿן אַ נעם טאָן די וועלט אויף אַ גאָפּל.

– אויבן דער טאַנץ איז אַ חלום, וווּהין זאָל איך, טײַבעלע, וואָגלען?
אויגן פֿון טויטע ווי נעגל באַשלאָגן מײַן גוף און זיי נאָגלען
צו מײַן נשמה צום גאָרניט. מײַן ברויט און מײַן זאַלץ – אַ רוינע.
אונטער די טריט איז מײַן היימלאַנד, באַשימלט מיט גראָז – מײַן מדינה.

– כ׳וועל מײַנע פֿליגל דיר אָנטאָן, אַרויסציִען וועל איך די נעגל,
אָנבלאָזן וועט זיך מיט פֿרײַהייט אַ ווײַסער געדאַנק ווי אַ זעגל.
ביסט ניט בײַם טויט אין אַרענדע, די טעג וועלן קרײַזן און קרײַזן,
אייביק איז בלויז די לעגענדע און זי וועט אַ שמייכל באַווײַזן.

## VII

וועלט. וואָס איז וועלט? בלויז איר ניגון איז כוואַליק און וואַלדיק און וועלטיק,
יאָמערט איר געטלעכער ניגון אין אָדערן מײַנע: געוועלטיק!
לעש איך דעם יאָמער מיט ימען, ס׳באַגריסן מיך שטעט אומבאַקאַנטע.
שטיי! מיט אַ רעגן טערצינען האָט דאָ זיך אַ שפּיל געטאָן דאַנטע.

– מײַסטער פֿון גיהנום, צי ווילסטו זיך בײַטן אַ ווײַל מיט די גיהנומס?
איך וועל אין דײַנעם שפּאַצירן, און דו – אין די פֿײַערן יענעמס...
מינערן וועט עס ניט, מײַסטער, דײַן אייביקע, מאַרמאָרנע גלאָריע,
דו ביסט נאָך אַלץ אַליגיערי, דײַן גיהנום – נאָך אַלץ אַלעגאָריע.

I know then – the dove is the paper, which does not let fingers grow rigid,
so that the words, like descendants, shall remember the time of the tyrant.
Doveless days are like dust mites; a hymn of praise to pure forms!
Like a hunter, I catch silver syllables, food for my own little dove.

**VI.**

"Yes, I am guilty, am guilty; for it was a sin to demand
you should bring me the dancer to dwell once again among earth's ears of corn.
Chasms of fire have devoured her young and unique shining blueness,
and now my temples are seared by pearls in ashes – her grayness."

"No, you're not guilty, not guilty, the dancer is dancing as ever
the same warm dance of her youth in the smiling blue arch of the heavens.
Wander abroad, and cut your umbilical cord from the earth,
the celestial dance will help you confront the whole world without fear."

"The celestial dance – a vain dream. O, where, little dove, should I wander?
The eyes of the dead are like nails, they are piercing my body, and nailing
my soul to the void. My bread and my salt – just a ruin.
My homeland is trampled to death, moldy with grass is my country."

"I will fasten my wings to your shoulders and pull out the nails from your body.
And a white thought will fill up with freedom, like a sail blowing out in the wind.
You are not in death's clutches, your days will keep soaring and soaring.
The legend alone is eternal, and it will smile graciously on you."

**VII.**

World. What is world? Its melody only is wave-like and wood-like and world-like.
Its heavenly melody weeps in my veins and commands: be the master!
I quench her lamenting with oceans; I am greeted by cities unknown.
Wait! Here is Dante, who's playing a game with a shower of tercets.

"Master of Hell, will you swop our two hells for a while?
I shall go walking in yours, and you – in the fires of the other…
O Master, it will not detract from your marble, eternal glory,
you will always remain Alighieri – but your hell will remain allegory."

מענטשן... ווּ זענען זיי, מענטשן! מקנא זײַן דאַרף מען די שטויבן,
בלויז אין די ווערטער פֿון א י י נ ע ם איז דאָ זייער גײַסט, זייער גלויבן.
ס׳קלינגען בית־עלמינס – מע הערט ניט... פֿאַר מיר זענען זיי אַן אַכסניא.
שטיי! ווי אַ לייב האָט הלוי מײַן בענקשאַפֿט געזונגען פֿון שפּאַניע.

העי, איר פּאָעטן, פּאָעטן, אָן אײַך איז דאָס לעבן אַ דרעמל,
ס׳וואָלט דאָך שוין לאַנג אָן פּאָעזיע געקניט פֿאַרן טויט ווי אַ קעמל.
ס׳וואָלטן סײַ מענטש און סײַ חיה געפּײַניקט זיך עלנטער, פֿרעמדער,
ס׳וואָלט ניט מײַן טויב מײַן געטרײַע באַגלייט מיט אַ פֿלייט איבער לענדער...

## VIII

טענצערין, זאָג מיר ווּ ביסטו? די האָר מײַנע פֿילן דײַן פֿלאַטער...
ענטפֿערן קאָן מיר די טויב ניט: אַוווּ איז דײַן היים, דײַן טעאַטער?
ס׳ברענגט מיר אַ מאָל דײַנע אויגן אַ סאַרנע אין זוניקע טויען,
ווער איז דער ציטער אין גאָרטן ווּ ס׳בליִען שאַגאַלישע בלויען?

הינטערן וואַלד אין אַ רעגן ווער אָטעמט מיך אײַן רעגנבויגיק?
ווער איז די נאַקעטע כוואַליע – אָן גלידער און דאָך אַזוי בויגיק?
ווער איז די שנייען־לאַווינע צעגליט איבער פֿעלדזענע ראַנדן?
קושן די בריסט וויל אַן אָדלער, באַשיט זי אים באַלד מיט גירלאַנדן.

ווער איז דער שפּיגל אין טרערן? ווער זענען די פּנימער נײַע?
ווער איז די פֿרוי אינעם אָרון, די רויזן־באַדעקטע לוויה?
ס׳דרייען זיך, דרייען די רעדער און שלינגען און וויקלען מײַן שאָטן,
הײַנטיקן טאָג האָט אַ רידל אַליין זיך אין קבֿר פֿאַרשאָטן.

ווער איז די ווײַסע פֿאַרוואַנדלונג, וואָס קאָן ניט ארויס פֿון בעריאָזע?
ווער איז דער אָפּהילך פֿון שטילקייט און ווער איז די שטילקייט די ראָזע?
וועט מיר ניט ענטפֿערן קיינער? צי ברענען אין מיר משוגעתן?
הײַנטיקן טאָג האָבן שטיינער אַליין זיך פֿאַרשטיינט אין די גאַסן!

## IX

ווײַט אין דער וועלט איז געפֿאַלן אַ שטיין־מעטעאָר און זײַן ניגון
האָט מיך געצויגן דורך דזשונגלען, ביז איין מאָל דערזע איך אים ליגן
פֿול מיטן ריח פֿון שטערן. דערבײַ האָט אַ לייב אויף אַ סקאַלע
ברומענדיק אויסגעשמידט גלעקער און פֿלאַם האָט צעשמאָלצן זיי אַלע.

Human beings… where are they, these humans! Indeed one should envy the dust.
There is only *one* whose words can encompass their spirit, their faith.
Graveyards ring out – no one hears them. For me they're a refuge.
Wait! Like a lion, Halevi has sung of my longing from Spain.

Listen you poets, you poets, without you our life is a sleep.
Without poetry, life would already have knelt before death like a camel.
Humans and animals both would be still more tormented and lonely,
and my dove could not come with me over the lands and accompany me on her flute.

## VIII.

Dancer, o tell me, where are you? The hairs on my head feel your fluttering…
Even my dove cannot tell me: where is your home and your stage?
Sometimes a little doe brings me your eyes in the sunny bright dew,
who trembles here in the garden, where the blues of Chagall are in bloom?

Behind the wood, in rain, who breathes me in like a rainbow?
Who is the naked wave – that is limbless and yet is so supple?
Who is the snow avalanche, incandescent, beyond the cliff's edge?
An eagle is longing to kiss her breasts, but she showers him with garlands.

Who is the mirror in tears? Who are the new, unknown faces?
Who is the woman in the coffin, the funeral covered with roses?
The wheels are turning, turning; they envelop and swallow my shadow.
Today was the day that a spade came and buried itself in a grave.

Who is the white transformation, which can't free itself from the birch tree?
Who is the echo of silence, and who is the rose-colored silence?
Will no one give me an answer? Is madness burning within me?
Today was the day that stones stoned themselves in the street!

## IX.

Far, far away a meteor fell to the earth, and its melody
drew me, searching, through jungles. At long last I found it lying,
still full of the fragrance of stars. On a cliff nearby roared a lion
and his roaring forged bells. They all were melted in flames.

ווער איז דער שטיין? איז מיר קענטלעך. מוזיק אונטער גאָלדענע ריפּן.
ס׳הימלקינד רופֿט מיך בײַם נאָמען. עס ציִען זיך ליפּן צו ליפּן.
– א י ך בין די טענצערין, פֿרעג ניט... אַ לויב צו דעם לייב מיט זײַן ברומען!
אָנגעזאָגט האָט מיר דער קיניג דײַן קומען, דײַן קומען, דײַן קומען.

ס׳גליווערן גלידער. ביז וואַנען מײַן גוף, דער אין ליבע פֿאַרברענטער,
אויסלעשן וועט זיך אין גאַנצן – אָ, שטיל מײַנע ליפּן, קום נענטער!
לאָזן איך וועל דיר אַ סימן: די לעצטע, דרײַ בלוטיקע טראָפּנס,
איידער עס וועט די לבֿנה מיר זײַן אַ מצבֿה צוקאָפּנס.

א י ך בין די שנייען־לאַווינע, די ווײַסע בעריאָזע, דער שפּיגל,
א י ך בין דער אָפּהילך פֿון שטילקייט, וואָס נעמט דיך אַרום אין אַן עיגול.
זאַמל די קלאַנגען, די בילדער, אַ הונגער וועט צינדן דײַן געגנט...
לעב זיי, באַלעב זיי און שילדער!
אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט.

X

אונטער אַ בוים לעבן ים־סוף. די כוואַליעס דערקלינגען מײַן אָדע.
שטיל. אין זײַן שאָטן – אַ מילשטיין, געדרייט פֿון דער זון מיט התמדה,
אָטעם איך היישעריק־דיונעס – די היטער פֿון צײַט און זכּרון.
דאָ האָט דאָס פֿאָלק זיך געצויגן דורך פֿערציק תּנכישע יאָרן.

מײַליקע טריט אונטער זאַמדן, און גרויס ווי דער מידבר די ציפֿער.
זאָלן די היישעריק־דיונעס אַנטפּלעקן די זעונגען טיפֿער!
ווו זענען מ יַ נ ע פֿיר צענדליק, אין מידבר, צוזאַמען מיט יענע?
ביינער געבליבן, בלויז ביינער – גענאָד פֿון אַ בלינדער היענע?

וואָרקעט די טויב אויף מײַן אַקסל: גוט־מאָרגן! און איך וועל דיך פֿרעגן –
יאָרן דאָס זענען דען ביינער? אַ בלאָז און זיי שפּילן אַנטקעגן.
זאַנגען מיט קינדערשע אויגן באַוועגן זיך אונטער די דיונעס,
תּחית־המתים פֿון זאַנגען, און אויבן – אַ וואָלקן מיט סטרונעס!

– טײַבעלע, ביסטו די זעלבע, די פֿליגל ניט גראָ, איז דאָס מעגלעך?
זאָל איך דאָ בויען מײַן טעמפּל, ווי איך האָב געבויט אים טאָג־טעגלעך?
זאָל איך מײַן צויבערדיק לעמפּל צעגרינען אויף ס׳נײַ און צעבלויען?
– בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!

1954

Who is the stone? Yes, I know it. Music plays under golden ribs.
The heaven's child calls out my name. Lips are drawn to lips.
"*I* am the dancer, don't ask any more. All praise to the lion:
the roar of the king announced it to me: you are coming, are coming!"

Limbs stiffen. Until my body, that's burning with love,
is about to be wholly extinguished – "Oh, come and quench my lips' thirst!
Before I lie with the moon as a tombstone over my head
I shall leave you a sign: my last three droplets of blood.

*I* am the snow avalanche, the silver birch tree, the mirror,
*I* am the echo of silence, which encompasses you in a circle.
Gather the sounds and the images – your world will be lit by your hunger – ,
Live them, depict, give them life!"
Thus we parted, one from the other.

X.

Under a tree by the Red Sea. The waves ring out with my ode.
Still. In its shadow – a millstone, which the sun is carefully turning.
I breathe in locust dunes – the guardians of memory and time.
Here my people wandered for forty long biblical years.

Miles of steps under the sands, their number as huge as the desert.
Let the locust dunes show me these visions more deeply, more clearly!
Where are *my* four decades – in the desert, together with those?
Bones they remain, only bones – thanks to a sightless hyena?

My little dove coos on my shoulder: "Good morning! I just want to ask you –
years are just bones?" One breath, and they come to perform here before me.
Cornstalks with children's eyes are moving under the dunes,
A resurrection of corn, and above them – a cloud violin!

"Little dove, are you still as you were, and your wings are not grey, can that be?
Shall I build my temple here, as I built it day after day?
Shall I make my magic lamp shine green again, and blue?"
"Keep building and building your temple, with sunlit reason you'll build it anew!"

1954

פֿון: **העלפֿאַנדן בײַ נאַכט**

### אין אָנהייב

אין אָנהייב איז געווען אַ שוואַרצער העלפֿאַנד.
זײַן העלפֿאַנדביין איז אויך געווען שוואַרץ
ווי ער אַליין.
פֿאַרן שטאַרבן האָט ער אין אַ טײַך
אַ העלפֿאַנדביין פֿאַרלוירן.
און אַזוי ווי ס׳האָט אין טײַך
געבאָדן זיך אַ רעגן־בויגן –
האָבן זײַנע פֿינגער
אָנגעכאַפּט דעם העלפֿאַנדביין, וואָס איז געווען זײַן רעטער.

אויס דאַנקשאַפֿט האָט דער רעגן־בויגן
אים געטאָן אַ קוש.
דעמאָלט האָט דער העלפֿאַנדביין
באַקומען אויגן, ציינער,
און איז געוואָרן מ ע נ ט ש –
דער עלטסטער פֿון די מענטשן.

און ווי דער עלטסטער מענטש
אַזוי בין איך:
שוואַרץ, ווי יענער העלפֿאַנדביין,
און רעגן־בויגן־ליכטיק.

### העלפֿאַנדן בײַ נאַכט
### יעגערליד

העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, ווי שווערע גײַסטער
וואָס קומען איינער נאָכן צווייטן
באָדן זיך אין טײַך,
זענען ניט קיין העלפֿאַנדן,
זיי טראָגן בלויז אַ מאַסקע.
איך, דער יעגער פֿון די נעכט,
וואָס האָב געזען ווי שטערן

From: **Elephants at Night**

## In the Beginning

In the beginning was a coal-black elephant.
His tusks were also black
like him.
Before he died, he lost
one tusk in a river.
Just then there was a rainbow
bathing in the river –
its fingers
grabbed the tusk, which saved the rainbow.

Gratefully the rainbow
kissed it.
And then the tusk
got eyes, and teeth,
became a *human being* –
the oldest of the human race.

And like that oldest man
am I:
black, like that tusk,
and shining like a rainbow.

## Elephants at Night
## A Hunter's Song

Elephants at night, like heavy spirits
walking along in single file
to bathe in the river
are not elephants,
they're simply wearing masks.
I, the hunter of the night,
I, who have seen stars

פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַנטילאָפּן –
האָב אַ מאָל בײַם וואַסער
נאָכגעלויערט, צווישן גראָז, אויף זיבן
לבֿנהדיקע העלפֿאַנדן
וואָס ציִען זיך צום ברעג.

יעדער האָט אַ ווײַל באַטראַכט דעם טײַך
צי קיינער זעט ניט,
און אויסגעטאָן די העלפֿאַנדישע מאַסקע.
אויסגעטאָן די אויערן, די ציין, די לאַנגע נעזער –
און ס׳האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מײַנע אויגן
זיבן מיידלעך.
זיבן מיידלעך שנײַדן אויף דאָס וואַסער מיט די בריסט,
בייגן זיך ווי רייצנדיקע שטראַלן,
שווימען, שווימען.

כ׳האָב געוווּסט: זיי וועלן באַלד צוריקשווימען, און אָנטאָן
די אויערן, די נעזער – ווערן העלפֿאַנדן אויף ס׳נײַ.
און שטילער פֿון אַ שלאַנג בין איך דערקראָכן צו די מאַסקעס,
מיטגענומען איינע און באַהאַלטן זיך צוריק.
און ווען די זיבן מיידלעך, אין אַ הילעניש פֿון פּערל,
האָבן זיך גענומען אָנטאָן אין די העלפֿאַנדקליידער –
האָט פֿאַר איינער אויסגעפֿעלט אַ מאַסקע, און פֿאַרבליבן
איז זי נאַקעט אויף אַ שטיין, מיט ציטעריקער הויט,
אָן אַ פֿרײַנד, אָן צערטלעניש, אָן לאַסקע.

און איך, דער יעגער,
האָב חתונה געהאַט מיט איר – אַ מיידל אָן אַ מאַסקע.

## בית־עולם פֿון העלפֿאַנדן

ווי שיף־סקעלעטן אויפֿן דעק פֿון ים –
ליגן דאָ די העלפֿאַנדן מיט ברייט צעפּראַלטע בײַכער,
אין וועלכע די לבֿנה קומט געבוירן אירע קינדער...

די שוואַרצע פֿעלדזן אַרום זיי – מצבֿות
מיט עפּיטאַפֿן זילבערנע, אין קלוגן העלפֿאַנד־לשון.

change into antelopes,
once lay in wait beside the water,
in the grass, to spy on seven
moonlit elephants
walking to the river bank.

Each one gazed upon the river for a while
to make sure no one saw,
then they took off their elephant disguise.
Took off their ears, their teeth, their long, long trunks –
and before my eyes appeared
seven girls.
Seven girls cleave the water with their breasts,
bending like charming rays of light,
swimming, swimming.

I knew that they would soon swim back, and put on
their ears, trunks – and turn into elephants again.
And so, more silent than a snake, I crept up to the masks,
snatched one and hid again.
And when the seven girls, all covered in a spray of pearls,
started putting on their elephant clothes again –
one lacked a mask, and sat there,
naked, trembling, on a stone,
without a friend, or tenderness, or a caress.

And I, the hunter,
married her – a girl without a mask.

### The Elephants' Graveyard

Like ship skeletons on the bottom of the sea,
the elephants lie, with bellies split wide open,
where the moon comes to bear her children.

The black cliffs that surround them are tombstones
with silver epitaphs, in wise elephant language.

קיינער ברענגט זיי ניט אַהער. זיי שפּאַנען
איינציגווייַז דורך וויינענדיקע וועלדער
חדשים, יאָרן, ווען עס קומט די צייַט פֿון זייער שטאַרבן.

אָט אָ שפּאַנט אַ העלפֿאַנד.
זייַנע פֿיס – פֿיר דומפּע דונערן –
פּויקן אויס דעם שטויב פֿון זייַנע יאָרן די צעקנייטשטע.

נאָר אויפֿן רוקן רייַט שוין די געשטרייַפֿלטע היענע.
און ווען ער וועט זיך אויסקלייַבן בשלום זייַן געלעגער –
וועט זי אים די אייגעלעך די קינדערשע פֿאַרצוקן,
און ס׳וועלן אים אַראָפּזועגן דעם העלפֿאַנדביין –
די זעגער.

**דימענט־מיידל**

ערגעץ אין דער טיפֿעניש פֿון קימבערלי,
אין קראַטערס,
און וווּ נאָר ס׳בליצט די מאַמע־ערד
מיט כּישופֿדיקן צוזאָג –
טאַנצט אַ דימענט־מיידל הינטער פֿענצטער פֿון איר פּאַלאַץ.

טאָג און נאַכט, ווי דאָרשטיקע טערמיטן,
ציִען זיך צו איר פֿאַרליבטע מענער,
בלאָנדזשען צו איר שמייכל רויט צעפֿלאַקערטע פֿון תּאווה,
זעצן מיט די האַמערס אין איר פּאַלאַץ,
טוען תּפֿילה:

דימענט־מיידל,
יונגינקע לבֿנה אין דער ערד,
לאָז קושן דייַנע פֿיס
די מידע שקלאַפֿן.
עס וואַקלען זיך די טויערן צו דיר פֿון שווערן האַמער
און דייַן פֿאַרליבטער איז שוין טויט פֿון ליבע.

נאָר די וואָס טוען תּפֿילה מיט די שווייס־באַדעקטע האַמערס –
פֿאַלן מיט געפּלאַצטע הערצער
בייַ די שוואַרצע טויערן.

No one brings them here. They walk
in single file through weeping woods
for months, for years, when the time comes for them to die.

Just now an elephant is walking.
His feet – four muffled thunderclaps –
drum out the dust of all his wrinkled years.

But already on his back the striped hyena rides.
And when he has calmly chosen the place where he will lie –
it will devour his childlike eyes,
and men with saws will plunder
his ivory tusks.

**Diamond Girl**

Somewhere in the depths of Kimberley,
in craters,
wherever mother earth is flashing
with enchanting promise –
dances a diamond girl behind the windows of her palace.

Day and night, like thirsty termites
besotted lovers journey to her,
wander to her smile, inflamed with fiery lust,
attack her palace with their hammers,
praying:

> Diamond girl,
> lovely young moon that's buried in the earth,
> let your weary slaves
> now kiss your feet.
> Your gates are shaking from our mighty hammer blows,
> and your beloved has already died of love.

But they who pray with hammers drenched in sweat –
fall down, their hearts burst open,
by the black gates.

און זי טאַנצט ווײַטער
מאַניעט אַ געפֿאַנגענע אין היכל.

טאָג און נאַכט, ווי דאָרשטיקע טערמיטן,
ציִען זיך פֿאַרליבטע צו איר שמייכל.

### דאָס זעלבסטמאָרדליד פֿון די הערעראָס

דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן. זײַן פֿיל־קאָלירטע שווערד
פֿאַרהאַלט דעם רעגן. זאָגט אים: בלײַב אין הימל.
און מיר באַגייען זעלבסטמאָרד אין די קנייטשן פֿון דער ערד,
עס אײַלט שוין די היענע גרין ווי שימל.

דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן.

די ביקסן־טרעגער מיט די ווײַסע שקלאַפֿערישע הינט
פֿאַרנאַרן אונדז אין גאָלדמינעס מיט אַלע סאָרטן דריידלעך.
דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן, אַז אונדזער בלוט צערינט,
און אַז עס קוילען זיך אַליין די מיידלעך.

דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן.

אָ, פֿויגל אינסינגיזי, וואָס ביסט קלענער פֿון אַ צאָן,
דערצייל פֿון אונדזער זעלבסטמאָרד אין דײַן קיניגרײַך די געטער.
דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן. גייט שוידערלעך ניט אָן.
דערלויבן וועט ער גיין דעם רעגן – שפּעטער.

דעם רעגן־בויגן גייט ניט אָן.

### צו אַ טיגער

מיר האָבן פּלוצעם זיך דערזען. די צײַט איז ניט געוואָרן.
האָסט באַוואַכט דעם טויער פֿון גן־עדן.
איבער דיר צוויי וואַסערפֿאַלן –
שטראָמענדיקע פֿליגל.

*She* dances on,
seductive, a prisoner in her temple.

Day and night, like thirsty termites
besotted lovers journey to her smile.

## Suicide Song of the Hereros

The rainbow does not care. Its many-coloured sword
holds back the rain. Commands it: stay in heaven.
And we commit suicide in the deep folds of the earth,
while swiftly, the hyena – green as mould – approaches.

The rainbow does not care.

The gunmen with their slavish white dogs lure us
into goldmines by all kinds of evil tricks.
The rainbow does not care, though we are bleeding,
though young girls kill themselves.

The rainbow does not care.

Oh insingizi bird, even smaller than a tooth,
tell the gods in your kingdom how we died.
The rainbow does not care. Horribly – does not care.
It will allow the rain to fall – but later.

The rainbow does not care.

## To a Tiger

Suddenly we saw each other. Time disappeared.
You were guarding the gates of Paradise.
Above you, two waterfalls –
cascading wings.

ברודער! האָסט מײַן בליק פֿון שווערן בלײַ
צעשמאָלצן אין דײַן פֿײַערדיקער מילדקייט.
פּחדנות האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, –
ניט דערלאָזן דײַנע ליפּן זאָלן מיך פֿאַרזוכן.

אַנשטאָט צו ליגן נאַריש אין דער ערד –
וואָלט מײַן בלוט געריזלט אין אַ טיגער!

צו שפּעט. איך בין פֿון דיר דערווײַטערט
צען טויזנט מײַל.
צוריק צום וואָרט דעם אויסטערליש ניט־זאַטן.

און כאָטש מיר זענען ביידע פֿרײַ – גייען מיר אין קראַטן.

## עלזע לאַסקער־שילער

געבויגענע וויינען די אייזלען אין ירושלים,
ניטאָ מער די הייליקע זקנה, די זינגערין עלזע.
ניטאָ ווער ס׳זאָל קאָרמען די אייזלען מיט בליציקן צוקער
און העלפֿן זיי שלעפּן די וווּנדיקע שטיינער פֿון קאַסטעל;
די שטיינער, וואָס פֿאַלן אַראָפּ מיט אַן „אוי״ פֿון די הערצער
בײַ אַלע וואָס קומען אין לאַנד – אַ מאַיאָנטעק מיט שטיינער! –
צו בויען אַ היים פֿאַרן היימלאָזן מלך משיח.

אַ מאָל האָט פֿון באַרג זיך אַרונטערגעקוליעט אַן אייזל,
פֿאַרלאָרן אַ פֿאָדערשטן צאָן. האָט די זקנה צעשמאָלצן
איר חתונה־רינג בײַ דעם גאָלדשמיד ר׳ ניסים פֿון אַלטשטאָט,
און ס׳האָט שוין דער אייזל אַ גאָלדענעם צאָן אַ מתּנה.

און ווער האָט באַנומען ווי זי דאָס געוויין פֿון באַשעפֿער? –
שוין אַלצדינג באַשאַפֿן! די אייביקייט איז אים שוין אייביק
אַ קייט אויפֿן האַלדז, און קיין צווייטער איז מער ניט בנימצא...
זי שפּילט אין האָטעל אויף איר בלויען קלאַוויר זײַן דערמאָנונג,
ווען ער איז געווען דער מײַסטער פֿון טרילערס און לייבן,
געשריבן מיט ביימער זײַן פֿרישע גן־עדן־פּאָעמע,
אַ ווײַבלעכן גראַם פֿון אַ מענערשן ריפּ אויסגעקנאָטן.

Brother! My heavy leaden gaze
you melted in your fiery mildness.
Cowardice played a trick on me –
did not allow your lips to taste me.

Instead of lying, dumb and useless, in the earth –
my blood could have been flowing through a tiger's veins!

Too late. I went away from you
ten thousand miles.
Back to the word that's weirdly never satisfied.

And though we both are free – yet both of us are circled round with bars.

**Else Lasker-Schüler**

Donkeys, bowed down with grief, are weeping now in Jerusalem,
Else the singer, that saintly old lady, is dead.
Now there's no one to feed them with crystals of sparkling sugar,
and help them to carry the wounded stones of the Kastel,
the same stones that roll with an "oy" from the hearts
of all who enter the land – How many thousands of stones! –
to build for the King, for the homeless Messiah, a home.

One of the donkeys once stumbled and fell down the hillside,
and lost a front tooth. Straightaway the old lady
had her wedding ring melted by Nisim the Old City goldsmith,
and the donkey received as a present a new golden tooth.

And who heard as she did the weeping of God the Creator? –
For He has already created all things! And eternity seems to Him now
like a chain round His neck for eternity. And no one exists
any more but Himself…
But in her hotel room, on her blue piano, she plays His memory,
how He once was the Master of larks and of lions,
how He once wrote with trees his brand-new Paradise poem,
and sculpted a feminine rhyme from a masculine rib.

עס גוססן רויִק בײַם שפּילן די אַשיקע פֿינגער.
זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! אַ יונגע, פֿאַרליבטע מוראַשקע,
ביז בלוט אַ צעביסענע, האָט אין איר צימער פֿאַרבלאָנדזשעט
און שפּילט מיט דער זקנה באַנאַנד אויף די אַלטע קלאַווישן.

זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! געפֿאַלן אין גאָרטן אַ זונרויז –
אַ וועלט איז געפֿאַלן! די קערנער – גאָלדהויטיקע מענטשן.
מען וועט זיי פֿאַרקויפֿן אין מאַרק, און זיי שינדן די הויטן...
און אויסלייזן דאַרף זי די קנעכט – די גאָלדהויטיקע מענטשן.

זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן! אין ים זענען כוואַליעס געבוירן.
זיי קאָנען ניט ריידן. זיי מאָנען מיט קינדערשע הענטלעך!
ס׳געבעט פֿאַר די זויגלינגען־כוואַליעס מוז ווערן דערזונגען,
דער שטורעם זאָל הײַנט ניט פֿאַרשלינגען די ראָזע נשמות.

אַוווּ איז דער אָנהייב פֿון הימל? – אין ירושלים.
אַצינד איז די זקנה אַ שטערן און שוועבט איבער מויערן.
אַ בלויער קלאַוויר איז די שטאָט. אַ פֿאַרשלייערטע כּלה.
איך שפּאַן אויפֿן שטיינערנעם טעפּעך צוזאַמען מיט עלזען,
פֿאַרשיכּורט פֿון בלויען קלאַוויר און צעשניטן פֿון העלזען.

ירושלים
27סטן פֿעברואַר
1957

**פּרץ מאַרקיש**

מיר האָבן ביידע זיך געזעגנט
בײַ פּושקינס דענקמאָל, בײַ די טרעפּ;
און מאָסקווע האָט צו לאַנג באַרעגנט
מיט רויטע שטערן אונדז די קעפּ.
און ווי מיר נעמען זיך פֿונאַנדער
און ליפּן צוקן: זײַ געזונט! –
האָסטו דערזען ווי אַלעקסאַנדער
פֿאַרשטעלט אין בראָנדז אַ הייסע ווונד.

Peacefully, while she is playing, her ashen fingers are fading.
She must not die yet! A young, lovesick ant, its heart pierced and bleeding,
has wandered by accident into her chamber, and with the old lady
it plays a duet on the ancient piano keys.

She must not die yet! A sunflower's collapsed in the garden –
A world has collapsed! The seeds – they are golden-skinned humans.
They'll be sold in the market. They will be skinned…
She must save the slaves – these golden-skinned humans.

She must not die yet! Little waves have been born in the sea.
They are still unable to speak. They plead with their small children's hands!
The prayer for the tiny wave babies must be sung loudly
so that the storm will not swallow these rosy young souls.

Where is the beginning of Heaven? – it is here in Jerusalem.
The old lady now is a star floating over the walls.
The city – a blue piano. A bride with a veil.
I stride on the carpet of stone together with Else
drunk with the blue piano, and pierced by my visions.

Jerusalem
February 27
1957

**Perets Markish**

We met once more to say goodbye
at Pushkin's monument, beside the steps;
and Moscow had rained down red stars
too long, too long, upon our heads.
And as we parted from each other
with trembling lips: be well my friend! –
you looked and saw how Alexander
concealed in bronze a burning wound.

און נאָך אַ מאָל דײַן האַנט אין מײַנער
און דײַנע אויגן גרוי פֿון גרויל.
– איך וויל ניט ווערן אַ ציגײַנער –
האָסטו געזאָגט מיט קרומען מויל.
פּאָעט! אין אייביקייט דײַן וואַנדער,
וווּ ס׳גיט זיך אונדזער שטויב אַ צונד!...
און איבער דיר האָט אַלעקסאַנדער
פֿאַרשטעלט אין בראָנדז אַ הייסע וווּנד.

איך האָב געזאָגט: אַ שוואַרצע חופּה,
פֿון טויט געשפּונען, איז מײַן שטאָט.
מיר זענען טעקסטן צו דײַן „קופּע״
און אויסדערוויילט צום עשאַפֿאָט.
אַוודאי איז דער שניי מיר אייגן
און קיין מאָל וועט ער ניט צעגיין...
נאָר מיר צוקאָפּנס וויל איך לייגן
אַ יִידישן, אַ ווייכן שטיין.

עס האָבן פּלוצעם די טרומייטן
זיך אויסגעלאָשן אויפֿן סקווער.
און כ׳האָב דערזען דײַן טרער אין קייטן,
ווען ס׳איז אַוועק אַהיים דײַן טרער. – –
וווּ ביסטו, חבֿר? – זינג דעם אמת!
פֿון קבֿר זינג מיט פֿרײַען מויל:
איך האָב דיר, לאַנד, געשאַלט פּאָעמעס
און האָסט צוריקגעשאַלט אַ קויל.

1956

**פּאָעזיע**

אַ טונקל־פֿיאָלעטע פֿלוים
די לעצטע אויפֿן בוים,
דין־הײַטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל,
וואָס האָט בײַ נאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעונג, צאַפּל,

One last time your hand in mine,
but grey with terror were your eyes.
"I will not be a homeless wanderer" –
Your mouth was twisted as you spoke.
Poet! Eternally you wander,
everywhere our dust flares into life!
And above you, Alexander
concealed in bronze a burning wound.

I said to you: my town is now a *khupe*,
woven by death itself in cloth of black.
We are the text to your great poem "Di kupe",
the scaffold is our destined fate.
It's true, the snow is still my own,
and never will it melt away,
yet at my head I yearn to lay
a soft and kindly Jewish stone.

As we stood, the trumpets suddenly
fell silent on that mighty square.
And I saw your tear, in chains,
as your eyes turned towards your home – –
Where are you, friend? – sing out the truth!
Sing with a mouth that now is free:
I sent forth poems to you, my country,
a bullet you sent back to me.

1956

**Poetry**

A ripe, dark purple plum
the last one on the tree,
thin-skinned and tender as the pupil of an eye,
which has by night extinguished in the dew
love, vision, trembling,

און מיטן מאָרגן־שטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער –
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל ניט זען קיין סימן פֿון די פֿינגער.

1954

**אויסדערוויילטער בוים**

ווען סטראַדיוואַריוס האָט דערפֿילט: באַשערט איז אים צו שניצן
די לעצטע פֿידל – איז ער אין אַ שטורעמנאַכט, אַ גרויער
אַוועק אין וואַלד, געבויגן אויף אַ שטעקן.
ווי ברענענדיקע סמיטשיקעס באַפֿאַלן אים די בליצן.
ער קניט פֿאַר יעדן בוים, לייגט צו זיין אָטעמדיקן אויער:
אָ, וועלכער אויסדערוויילטער בוים אַצינד וועט אים אַנטפּלעקן
די גרויסע הערונג, אַז פֿון זיין געהילץ די לעצטע פֿידל
זאָל שניצן סטראַדיוואַריוס ערבֿ גסיסה?
עס וויינט אין אים דער צער פֿון מינדסטן זאָמען־קלאַנג. צער־גידול־
מוזיק, ווי ער אַליין וואָלט פֿון אַ תּפֿיסה
באַפֿרייט זיין טויט באַנאַנד מיט ריינסטע קלאַנגען.
מחילה בעט ער ביי די שאָטנס, וואָס ער האָט גזלניש
אַראָפּגעזעגט די קעפּ, כּדי צו פֿאַנגען
דעם נאַכטיגאַל, ער זאָל אַריין אין פֿידל און סימפֿאָניש
מגלה זיין דעם טרויער פֿון אַ בוים נאָך ערשטן רעגן,
בשעת אַנטלויפֿן קאָן ער ניט ווען אים באַפֿאַלן זעגן...

מיט אייזערנער און קאַלטער הענטשקע וואַרפֿט אים אום דער שטורעם.
אַ וואָלקן שטייט צוקאָפּנס מיט אַ רידל.
און סטראַדיוואַריוס קוים
ער שעפּטשעט: אויסדערוויילטער בוים,
צעזעג מיין גוף – דעם וויינענדיקן פֿורעם,
און שניץ פֿון מיר, און מיט מיין בלוט באַמאָל – די לעצטע פֿידל.

and with the morning star, the dew
grew lighter, did not linger –
that is poetry. Touch it so gently
that not a trace remains there of your finger.

1954

**The Chosen Tree**

When Stradivarius sensed the appointed time had come
to carve his final violin – he went, one grey and stormy night,
into the forest, leaning on his stick.
Like burning violin bows the lightning strikes him down.
He kneels and presses to each tree his breathing ear:
O, which chosen tree will now reveal its resonance,
that Stradivarius from its wood may carve
the final violin, before he dies?
Within him weeps the sadness of the tiniest seed of sound.
Music fathered in pain, as if he, from a prison
had freed his death, together with the purest sounds.
He asks forgiveness of the shadows for murderously
hacking off their heads to catch the nightingale,
that it should fly into his violin, revealing through its music
the sadness of a tree after the early rain,
that cannot flee away when saws attack it…

With a cold iron glove the storm fells Stradivarius.
Holding a spade, a cloud stands at his head.
And with his last breath, Stradivarius whispers: "Chosen tree,
saw up my body – that weeping form,
and carve from me, paint with my blood – the final violin."




Dedication to the present writer on a copy of the book *Di fidlroyz* (The Fiddle Rose), 1985

# 1962 – 1972

## דער קוש

דער ווונדער איז געשען אַזוי נאַטירלעך:
אַראָפּגעלאָזט זיך האָט אַ דיכטער אין אַ ים – נאָך פּערל,
וואָס ציטערן און בענקען אומבאַרירלעך.
און קוים האָט ער אַ קוש געטאָן אַ פּערל,
זענען אים פֿאַרשוווּנדן זייַנע גלידער.
ניטאָ מער ס׳פּנים זייַנס.
ניטאָ קיין טרערן.
דער דיכטער איז אַרייַן אין זייַנע לידער.

## דריטע שטילקייט

צוויי שאָלן זע איך הענגען מיר אַנטקעגן:
אויף איינער שטילקייט פֿונעם ים. אויף צווייטער –
די מידבר־שטילקייט. עמעץ דאַרף זיי וועגן.
און זייער אורגעוויין איז מייַן באַגלייטער.

דאָס צינגל ציט אַהער – אַהין. דערווייַל ניט
באַשטימט נאָך סאַראַ שטילקייט ציט אַרונטער.
אַנטלויף ניט, האַרץ מייַנס, בלייַב אַ רגע. אייַל ניט.
פֿאַראַן אַ דריטע שטילקייט, הער זיך אונטער:

זי האָט געבוירן ס׳לעבן. איז אומשטערבלעך,
ניטאָ אַ זאַמד ווו ניט פֿאַרזייט איר זאָמען.
די שערבל־יעגערס קושן אירע שערבלעך,
מע רופֿט זי טויט, נאָר אַנדערש איז איר נאָמען.

בייַ נאַכט, ווען שאַרפֿער זילבערן די שאָלן
מיט ים־ און מידבר־שטילקייט בלוי צעגליטע,
דאָס צינגל דרימלט איין אָן קלאַנג, אָן קול – און
די דריטע שטילקייט רעדט פֿון שלאָף. די דריטע.

## The Kiss

The miracle occurred so naturally:
a poet dived into a sea to hunt for pearls
that tremble there, and yearn, untouchable.
No sooner had he kissed a pearl
than his limbs disappeared.
His face had gone.
There were no more tears.
The poet had been transformed into his words.

## The Third Silence

Two pans hang before me on these scales:
on one the silence of the sea. And on the other
the desert's silence. Someone must weigh them.
Their ancient weeping is my true companion.

The pointer wavers to and fro. It's not yet clear
which silence is the heavier.
Don't flee, my heart. Just wait a little while.
A third silence exists. O, listen carefully:

It gave birth to life. It is immortal.
There is no grain of sand without its seed.
The fragment hunters kiss its fragments,
and though men call it death, it has a different name.

At night, the scale pans gleam with silvery light,
glowing blue with sea  and desert silence,
the pointer falls asleep, without a voice or sound –
and that third silence speaks out from its slumber.

*

דאָס אויג פֿון דער נשמה ווײנט מיט בילדער,
פֿאַר זיך אַליין ווי פֿאַר אַ צווייטן,
פֿאַר אַ צווייטן ווי פֿאַר זיך אַליין.
דאָס אויג פֿון דער נשמה ווײנט מיט בילדער,
ווי זונפֿאַרגאַנג מיט וואָלקנס:
ווו און וועמען זיך פֿאַרטרויען?

איך האָב פֿאַרברענט מײַן שרײַבטיש. אַ בזיון
צו בייגן זיך פֿאַר האָלץ, און אים פֿאַרביטן אויף אַ ווילדער
גרעאַנגל־נאַכט אין מידבר, ביי אַן אָדלער אין געצעלט,
ווו ס׳אויג פֿון דער נשמה וויינט מיט בילדער
ערשטמאָליקע, וואָס מאָנען: שילדער, שילדער
פֿאַר זיך אַליין, ווי פֿאַר אַ צווייטער וועלט.

1968

## באַחרית־הימים

אַ טיגער מיט אַלף־בית־פֿלעקן, אַ נאַכטיגאַל איבער אַ קראַטער,
דאָס מענטשלעכע וואָרט וועלן הערן פֿון קעלער, פֿון בוידעם.
אויף אַקסלען פֿון שטיין וועלן אָנוואַקסן פֿליגל און לאַכן אין זוניקן פֿלאַטער,
אַ שטערן וועט אָפּרייַסן זיך פֿון דער נאַכט און אַ פֿאַל טאָן, צו אָנקומען קודם.

פֿארזונקענער שאַרבן אין ים. אַן אַכסניא פֿאַר פּערל. דערלאַנגען
וועט עמעץ אַ הייב מיט די פּערל צוזאַמען פֿון תּהום אים.
און ברענגען דעם שאַרבן צו קעלער און בוידעם, צו מענטשלעכע ווערטער און קלאַנגען:
אַזוי וועט געשען מיט דער דיכטונג באַחרית־הימים.

1969

*

The eye of the soul weeps pictures,
for itself and for another,
for another and for itself.
The eye of the soul weeps pictures,
like sunset with clouds:
where and whom to trust?

I have burned my writing desk. What an indignity
to bow down to wood. I have replaced it with a tempestuous night
of struggle in the desert, in an eagle's tent,
where the eye of the soul weeps pictures,
unparalleled. And they demand: depict, depict
for yourself, and for another world.

1968

**In the Last Days**

A tiger with alphabet patches, a nightingale over a crater,
will hear the human word from attic and cellar.
Wings will grow on shoulders of stone. They will laugh as they fly in the sunlight.
A star will tear itself off from the night and plunge, to arrive there before them.

A skull that is sunk in the sea, an inn for pearls. And someone
will reach down and bring it up out of the depths, and the pearls within it,
and will carry the skull into attic and cellar, to human words and sounds:
thus it will happen with poetry, in the last days.

1969

**די פֿידלרויז**

פֿון תּחית־המתימדיק וואַרעמען רעגן
פֿאַוואָלינקע נעמט זיך צעבליִען, באַוועגן
(בייַנאַנד מיט דער קינדהייט אין אַלטן זכּרון)
די פֿידלרויז אינעם שוואַרצערדיקן אָרון.

די פֿידלרויז דאַרף שוין אַצינד ניט קיין פֿידלער,
ניטאָ מער קיין לויבער, ניטאָ מער קיין זידלער.
זי שפּילט אָן אַ שפּילער מיט פֿרייד און אמונה
לכּבֿוד אַ ווידערגעבוירענער סטרונע.

לכּבֿוד אַ סטרונע, לכּבֿוד איר ציטער,
לכּבֿוד אַ בין וואָס איר האָניק איז ביטער
נאָר זיס איז איר שטאָך, אַזוי זאַפֿטיק און קווייטיק –
לכּבֿוד אַ ווידערגעבוירענעם ווייטיק.

## The Fiddle Rose

Brought to life by the rain, resurrectively warm,
she cautiously, slowly begins now to blossom, to move
(together with childhood in ancient remembrance)
the fiddle rose inside her black earthen tomb.

The fiddle rose now has no need of a fiddler,
there is no one who praises her, no one who scorns.
She plays by herself, with faith and with joy,
to honor a string that has just been reborn.

To honor a string, and its gentle vibration,
to honor a bee whose honey is bitter
though sweet is its succulent, blossomy sting –
to honor a pain that has just been reborn.


ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל

גאָלדענע קייט

רבעון לספרות ולבעיות חברתיות
פערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

DI GOLDENE KEYT, Quarterly Periodical for Literature and Social Problems
Tel-Aviv, Rechov Weizman 30, Israel, Tel. 268846

תל־אביב, 4טן יאַנואַר 74
רח' ויצמן 30, טל. 268846

טײַערער מלך ראַוויטש

Letter to Meylekh Ravitsh, January 4th 1974, NLI, ARC 4°1540

# 1974 – 1984

*

די רויטע ציגל פֿון דײַן לײַב – געדענקסט ניט זייער בנין,
געדענקסט ניט מער דײַן גאַס און בײַם לאַמטערן־שײַן דעם נומער.
אַ וואָלקן איז געבליבן אין אַ פֿורעמען זיך, ליניען,
געבליבן איז אַ געלער בלאַט אין אָנדענק פֿון אַ זומער.

געדענקסט ניט מער דעם יונגן פּנים פֿונעם ערשטן רעגן,
דעם אַדרעס פֿון דײַן טויב און איר קמיע אינעם שנעבל.
די לאָנקע, ווו איר זענט צוזאַמען זאַלבע איינס געלעגן
צעפֿרעסן איז אַצינד פֿון פּעך און שוועבל.

געדענקסט ניט מער דײַן טאַטע־מאַמע. ווער האָט דיך געבוירן?
דער זעלבער אַש פֿון פֿײַער און זײַן קרבן, ווייסט ניט וועמעס.
נאָר אינעווייניק ווייסטו יאָ: עס הערט ניט אויף צו יוירן
דאָס טונקלסטע און קלאָרסטע וואָרט פֿון אַלע ווערטער: אמת.

נאָר אינעווייניק ווייסטו יאָ: דער פֿינקלענדיקער עיקר
איז דימענטיקער ווי געווען און קאָנסט מיט אים צעשנײַדן
די שאָטנוועלט, אַז פֿידלען זאָלן שפּילן פֿון די שטיקער
און לינדערן אין דיר אַ צווייטנס לײַדן.

1974

*

באַשעפֿענישן אויפֿן גרונט פֿון ים, אָן זון, אָן שטראַלן,
שפּאַצירנדיקע צמחים אין אַ יענוועלטיקער לאַנדשאַפֿט,
געבורט פֿון טויט און לעבן, בבֿל־טורעמס פֿון קאָראַלן,
קאַפּריזן געטלעכע, שוין צײַט מיר זאָלן שליסן קאַנטשאַפֿט.

שוין צײַט אַרויסאײַלן פֿון צירק מיט זײַנע לצים, הוידעס,
אַהין ווו עס געוועלטיקט נאָך דער פּערל אין זײַן גלאָריע.
שוין צײַט אַרויסצוקנײַפּן פֿון דער פֿינצטערניש די סודות
ווו ס׳קלאַפּן הערצעלעך פֿון שליים אין ימס לאַבאָראַטאָריע.

שוין צײַט צו טרינקען ווײַן מיט לאַנג־דערטרונקענע מאַטראָסן
אין וואַסער־קרעטשמע אויפֿן דעק פֿון ים, אין אַ קאַיוטע
און הערן זיי דערציילן פֿון פּיראַטן, אַלבאַטראָסן
און ליבעס פֿון פֿאַר טויזנט יאָר, און אַלץ נאָך ניט־באַרוטע.

*

The red bricks of your body – you've forgotten how they're built,
forgotten where your street is, and the number in the lamplight.
Only a cloud remains, taking shape, then fading,
a yellow leaf remains as a memento of a summer.

You've forgotten the young face of the first rain,
the address of your own dove, the amulet in its beak.
The meadow where you two lay joined as one
has now been gobbled up by pitch and sulphur.

You've forgotten father, mother. Who gave birth to you?
The fire and its victim – ash: you don't know which is which.
But deep within, you do know: the darkest and yet brightest
word of all words is still fermenting: truth.

But deep within, you do know: the glittering essence
is more diamond-sharp than ever, and with it you can slice
the world of shadows, so that fiddles play out from its shards,
soothing in you the sufferings of another.

1974

*

Creatures on the seabed, deprived of light and sunshine,
ambulating plants in an other-worldly landscape,
birthplace of death and life, coral Towers of Babel,
divine caprices, now it's time for us to get acquainted.

Time to hurry from the circus with its swings and clowns,
to where the pearl still reigns in all its glory.
Time to prize the secrets from the darkness,
where hearts of slime are beating in the sea's laboratory.

Time to drink wine with sailors drowned long, long ago,
to sit in the cabin of their sea bed inn,
and hear them tell of pirates, albatrosses, and lost loves
not yet at peace, although a thousand years have gone.

באַפֿרײַען וויל זיך יעדער קלאַנג פֿון מעש און האָלץ און סטרונע,
געפֿאַנגען איז דאָס מענטשן־לשון הינטער שווערע שטײַגן.
שוין צײַט זיך אײַנצוהערן און דערזען דורך אַ שפּאַרונע
ווי שטומע שטילקייט לערנט זיך דעם אַלף־בית פֿון שווײַגן.

1974

*

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן? בלײַבן וועט אַ ווינט,
בלײַבן וועט די בלינדקייט פֿונעם בלינדן וואָס פֿאַרשווינדט.
בלײַבן וועט אַ סימן פֿונעם ים: אַ שנירל שוים,
בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פֿאַרטשעפּעט אויף אַ בוים.

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן? בלײַבן וועט אַ טראַף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פֿידלרויז לכּבֿוד זיך אַליין,
זיבן גראָזן פֿון די גראָזן וועלן זי פֿאַרשטיין.

מער פֿון אַלע שטערן אַזש פֿון צפֿון ביז אַהער,
בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פֿאַלט אין סאַמע טרער.
שטענדיק וועט אַ טראָפּן ווײַן אויך בלײַבן אין זײַן קרוג.
ווער וועט בלײַבן, גאָט וועט בלײַבן, איז דיר ניט גענוג?

1974

*

פֿון ביכער־טאָוולען צוויי און צוויי, געאָרעמט און געווינקלט,
כ׳האָב אייגנהאַנטיק, אייגנהאַרציק אויסגעבויט אַ קאַמער
פֿון אומבאַקאַנטע ווערטער, קוים באַלויכטן און באַשפּרינקלט,
און אויסער דעם רשות פֿון טויזנטאויגיקן פֿאַרסמער.

אַ קרעטשמעלע אין ווילדן וואַלד... פֿון זיך אַליין באַהאַלטן,
באַהאַלטן אויך פֿון מעשענעם אָרקעסטער אין די בוינעס.
אַהער גענענען אײנציקווײַז די טײַערסטע געשטאַלטן,
פֿאַרלוירן אין דער אייביקייט, און זייערע זכרונות.

Each sound longs to free itself from brass and wood and string,
human language is imprisoned in strong cages.
It's time to listen carefully, and, spying through a crevice,
to see mute stillness learning the alphabet of silence.

1974

*

Who will remain, what will remain? A breath of wind will stay,
and the blindness of the blind man, even though he goes away.
A fleck of foam will stay as a reminder of the sea,
and a wisp of cloud, caught in the branches of a tree.

Who will remain, what will remain? A syllable remains,
to bring forth grasses in a new Creation once again.
A fiddle rose will still remain, alone and in command,
her nature only seven of those grasses understand.

Of all the stars spread out between the farthest north and here,
there will remain only the star that falls into a tear.
A drop of wine will always remain within its cup.
Who will remain? God will remain. Is that not enough?

1974

*

From right-angled book covers, two by two and arm in arm,
single-handed, single-hearted, I've built a little room
of unknown words. Dimly lit and speckled,
it's well-protected from the poisoner with a thousand eyes.

An inn in the wild forest… hidden even from itself,
hidden from the brass band of the slaughterhouses.
One by one my dearest people, lost in eternity,
lost in their memories, approach my inn.

פֿאַראַן אין וואַלד אַזעלכע ביימער וואָס געבוירן פֿייגל,
אַ רעגן איז פֿאַראַן מיט בריוו צו מתים אין דער נידער.
פֿאַראַן אַ בלום וואָס רייטלט זיך ווען עמעץ וואַרפֿט אַן אייגל
פֿון צווישן לופֿט־און־גראָז אויף אירע לייַכט־אַנטבלויזטע גלידער.

זיי אַלע קומען אין מייַן פּיצל קרעטשמעלע און ברענגען
באַגלייטנדיקע בשׂמים פֿון אַ נאַכטיקן מהלך.
און ס׳בלייַבט נאָך אַלץ אַ פּוסטעניש פֿאַר ברייטן און פֿאַר לענגען
און ס׳וועט זיך נאָך געפֿינען אַ געלעגער פֿאַר אַ מלאך.

1976–1975

*

די ליים פֿון צייַט איז ווייך געוואָרן. ס׳גייט שוין אויף די קנעטעניש
פֿון זונפֿאַרגאַנג נאָך זונפֿאַרגאַנג. עס ווערט שוין באַלד געשפּאָלטן
אַ זעמדעלע אין חלום צו צעטרייבערן אַ רעטעניש,
און בלויז די סאָווע פֿלאַנכעט פֿון אַ זילבערלעכן קאָלטן.

די מתים זענען לאַנג שוין אויפֿגעשטאַנען! זענען האַסטיק
אַנטרונען דאָ פֿון יענער וועלט, פֿון הויקערדיקער משׂא
און מאַכן יאָגאַ, שפּילן שאָך און זענען פֿרייַ און גאַסטיק,
באַלעגערן די אָפּערע און פּיקן אויס איר קאַסע.

געדענקט נאָך עמעץ ווער עס האָט צעריסן זייַנע גלידער?
צו וואַקלדיק און שוואַך די ציין מע זאָל אַזוינס צעקייַען.
די מתים האָבן ליב אַבסטראַקטע קונסט און קידער־ווידער,
אַנשטאָט אַ קין־צייכן טראָגט אַ הבֿל־צייכן קין.

און בלויז אַ בלינדער זעער ביזן אָפּגרונט אַ צעשונדענער,
אַ קדמונדיקער נבֿיא וואָס איז קיין מאָל ניט געשטאָרבן
און קיינער ווייס ניט: קייַקלט ער דעם חושך, איז די זון דען ער? –
לויפֿט אויסלייזן פֿון תּהום צו תּהום די שמייכלען פֿונעם קרבן.

1976–1975

In the forest there are trees that give birth to birds,
there is a rain that carries letters to the dead below.
There is a flower that blushes when someone dares to peep
at her half-uncovered body, between the air and grass.

They all come to my tiny inn and bring Havdala spices
from their nocturnal journeying. Yet inside there remains
an empty space, both long enough, and broad,
where an angel still may find a place to lay his head.

1975 – 1976

*

Time's clay has softened. And the dough of sunset after sunset
has already risen. Soon a sand grain in a dream
will split, and tear apart a puzzle,
and only the owl still wails alone from a silvery thicket.

The dead have long since risen! Hastily
they fled from the Other World, their humpbacked burden;
they're doing yoga, playing chess – they're sociable and free;
they besiege the opera and plunder all the tickets.

Does anyone remember who tore his limbs asunder?
Too wobbly and weak their teeth to chew on such a mouthful.
The dead love abstract art and hefty arguments;
instead of the mark of Cain, Cain bears the mark of Abel.

Only a blind seer, whipped into the abyss,
a prophet since the dawn of time, who has never died,
and no one knows: does he roll away the dark, is he the sun? –
runs through every chasm, to release the victims' smiles.

1975 – 1976

*

אַ שלאַנג אַן אומגעזעענע האָט סם אַ פֿולע דאָזע
אַרײַנגעגנאָדלט זיס אין מײַנע אָדערן לאַנגאָניק,
אַז איבער מיר די שטערן זאָל ניט שלײַפֿן מער שפּינאָזע
און תּמיד זאָל אַ טראָפּן גאַל זיך בלעזלען אין מײַן האָניק.

נאָר דעמאָלט האָט אַ קעגן־סם, אַן עליקסיר פֿון קלאַנגען,
אַ לאָז געטאָן זיך אינעווייניק צו באַהערשן יענעם,
אַז בעטלען זאָל דער שׂונא גנאָד בײַם פֿירן אים געפֿאַנגען
און אויפֿהייבן די לאַפּעס אונטערטעניק זאָל דאָס גיהנום.

פֿאַרלוירן צי געוווּנען? ס׳איז געבליבן לזכּרון
אַ נעדעלע אין מיר; און ווען עס גיט אַ שטאָך, אַ גראַבל,
פֿאַרוואַנדלען זיך אין אויערן די אויסגעצאַנקטע יאָרן
און הערן פֿון אַן איילבערטבלעטל דאָס געוויין פֿון מבול.

פֿאַרוואַנדלען וועל איך צײַט אין רוחניות, אָט איז מײַן אידעע!
פֿאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן; איך, דער לאַנג פֿאַרלענדטער.
פֿאַרוואַנדלען וועל איך גראָזן אין אַ קאָסמישער אַלעע,
פֿאַרוואַנדלען וועל איך זיך אַליין, אין מענטש וואָס מיר איז נענטער.

1975–1976

*

דער פֿידלשפּילער שפּילט און ווערט אַלץ דינער, דין און דינער,
שוין דינער פֿונעם פֿידל־בויגן, דינער פֿון אַ סטרונע.
אַנשטאָט איר האַר, די פֿידל שפּילט אַליין אַלץ דינער, דינער,
און אויף אַ ווײַסן שײַטער ברענט איר האַר פֿאַר זײַן אמונה.

די פֿידל שפּילט אַצינד אַליין אַלץ דינער, דין און דינער,
דער פֿידלשפּילער קאָן איר קיין טרונק וואַסער ניט דערלאַנגען.
אַליין די קלאַנגען שפּילן און זיי שפּילן דינער, דינער,
ביז וואַנען אויפֿן שײַטער גליִען קלאַנגען, גליִען קלאַנגען.

עס גליִען קלאַנגען אויפֿן שײַטער, גליִען דין און דינער,
שוין שפּילט אַליין די פֿינצטערניש אָן פֿידל און אָן בויגן.
זי שפּילט אָן קלאַנגען און איר שפּילן – דינער, דינער, דינער,
ביז וואַנען מיר צעפֿינקלען זיך אין אירע שוואַרצע אויגן.

*

An unseen serpent long ago injected
into my veins a full dose of sweet poison,
so that Spinoza should no longer polish stars above me,
and a drop of gall should always bubble in my honey.

But suddenly an antidote, an elixir of sounds,
streamed into my body to defeat the other poison,
so that my enemy should plead for mercy when I hold him captive
and hell itself retract its claws, submitting to my will.

Have I lost or won? Inside me there's a needle
to act as a reminder. When it stabs and tears me
then all the vanished years change into ears,
which hear the weeping of the Flood in an olive leaf.

I shall change time into spirit – that is my idea!
I shall change death into life; I, the long-destroyed one.
I shall change grasses into a cosmic avenue,
I shall change myself into a person closer to my self.

1975–1976

*

The fiddler plays, becoming thinner, thinner, thinner,
now thinner than his fiddle bow, thinner than a string.
Without her master now the fiddle plays, alone. Her sounds grow thinner,
and on a white pyre, for his faith, her master burns.

Now the fiddle plays alone, her sounds grow thinner, thinner,
the fiddler cannot quench her thirst with water.
The sounds play on their own, becoming thinner, ever thinner,
until, upon the pyre, sounds are glowing, sounds are glowing.

Sounds glow on the pyre, becoming thinner, ever thinner,
till the darkness plays alone – with neither bow nor fiddle.
Playing soundlessly, its music – thinner, thinner, thinner,
till we start to sparkle in its deep black eyes.

אָ, פֿינצטערניש, פֿאַר ווענען שפּילסטו דינער, דין און דינער,
פֿאַר אונדז, די קליינע טרערן? איז באַשערט אונדז דײַנע גנאָדן?
מוזיק פֿון טרערן. קליינע טרערן. דינער, דינער, דינער,
צוזאַמען מיטן ווײַסן שײַטער און דעם שוואַרצן באָדן.

1976–1975

*

פֿון ביימער מאַכט מען וווּנדערלעך פּאַפּיר. און איך – ס׳פֿאַרקערטע:
פּאַפּיר פֿאַרוואַנדל איך אין ביימער, אין דעם בוים פֿון לעבן.
איך וועל זיך צוּוואָרצלען צו אים ביז וואַנען עס וועט אויפֿגיין
ס׳געזאַנג פֿון זײַנע פֿייגל.

זיי וועלן זיך צעבליִען און אַרויסבלאָזן די ערשטע
געבענטשטע קלאַנגען; אומפֿאַרבײַטלעך, איינציק איז מײַן שליחות:
פֿאַרוואַנדלען די פֿאַרוואַנדלונגען אין זייער ערשטן מקור,
פֿאַרוואַנדלען זיך אַליין אין פּראָטאָפּלאַזם פֿון מײַן חלום.

פֿאַרוואַנדלען וועל איך גרודעס ליים אין זייער מענטשלעך פּנים,
פֿאַרוואַנדלען איידלשטיינער אין אַ לעבעדיקן גאָלדשמיד.
און סודות אָפּגעזונדערטע און מײַלן־ווײַט פֿון ווערטער,
פֿאַרוואַנדלען וועל איך אין אַ שטראַלונג ביזן דנאָ פֿון טרערן.

איך טונק אין זון מײַן זיגלרינג און שטעל אים אין דער פֿינצטער
צו היטן די פֿאַרוואַנדלונגען. מײַן קומענדיקער יורש,
דער קאָסמישער פּאָעט, זאָל קאָנען זוכן און געפֿינען,
און מײַן געביין זאָל שמייכלען.

1976

For whom, oh darkness, do you play – thinner, ever thinner,
for us, the little tears? Do you bestow on us your favor?
Music of tears. Little tears. Thinner, thinner, thinner,
together with the white pyre, the black earth.

1975–1976

*

From trees, miraculously, we make paper. But I – the opposite:
I transform paper into trees, into the Tree of Life.
I shall entwine my roots with his, till there arises
the song of his birds.

They will blossom and send forth their first,
their blessed sounds; immutable, unique is my vocation:
to transform the transformations into their origin,
to transform myself into the protoplasm of my dream.

I shall transform lumps of clay into their human face,
I shall transform jewels into a living goldsmith.
And secrets, cut off miles away from words,
I shall transform into a radiance that reveals the depths of tears.

I dip in sun my signet ring and place it in the darkness
to guard the transformations. So that my future heir,
the cosmic poet, shall seek and find them,
and my bones shall smile.

1976

*

איך האָב אַ בריוו דערהאַלטן פֿון מײַן היימשטאָט אין דער ליטע
פֿון איינער וואָס איר יוגנט־חן האָט ערגעץ נאָך אַ שליטה.
אַרײַנגעלייגט האָט זי אין אים איר ליבשאַפֿט און איר צער:
אַ גרעזל פֿון פּאָנאַר.

דאָס גרעזל מיט אַ צאַנקענדיקן וואָלקנדל, אַ גוסס,
האָט אָנגעצונדן אות נאָך אות די פּנימער פֿון אותיות.
און איבער אותיות־פּנימער אין מורמלענדיקן זשאַר:
דאָס גרעזל פֿון פּאָנאַר.

דאָס גרעזל איז אַצינד מײַן וועלט, מײַן היימיש־מיניאַטורע,
ווו קינדער שפּילן פֿידל אין אַ ברענענדיקער שורה.
זיי שפּילן פֿידל און דער דיריגענט איז לעגענדאַר:
דאָס גרעזל פֿון פּאָנאַר.

איך וועל זיך מיטן גרעזל פֿון דער היימשטאָט ניט צעשיידן,
מײַן אויסגעבענקטע גוטע ערד וועט מאַכן אָרט פֿאַרביידן.
און יעמאָלט וועל איך ברענגען אַ מתּנה פֿאַרן האַר:
דאָס גרעזל פֿון פּאָנאַר.

1981

*

פֿאַר יאָסל בערגנער

אַ פֿרוי ווײַזט אָן איר ייִנגעלע: דער דאָזיקער בײַם טישל,
אין ווײַסן הוט, איז ניט קיין מענטש. – טאָ וואָס זשע? – אַ לעגענדע.
דאָס ייִנגעלע דרייט אום דאָס קעפּל. מאַמע, קינד, פֿאַרשווינדן.
און ס׳הוידעט זיך אויף אירע לאַנגע אוירינגען די שקיעה.

דער דאָזיקער בײַם טישל, זאָגט די פֿרוי, איז אַ לעגענדע.
אַ פֿעניקס־מענטש געבוירן פֿונעם אַש פֿון שײַטער־הויפֿן
איז טאַקע אַ לעגענדע. נאָר פֿאַר וואָס איז די לעגענדע
כּסדר דאָרשטיק נאָך דער יונגער מורמלעניש פֿון קלאַנגען?

*

From my home town in Lithuania I received a letter,
sent by one whose youthful charm still retains its power.
And in it she enclosed her love and all her sorrow:
a little blade of grass from Ponar.

Together with a flickering, dying cloud, the grass ignited
the faces of the letters, letter after letter.
Above their faces in the murmuring embers of the fire:
the little blade of grass from Ponar.

Now this blade of grass is my miniature world of home,
where children play the fiddle in a burning row.
They play, and their conductor is a legend near and far:
the little blade of grass from Ponar.

No more will I be parted from this grass of my home town,
my yearned-for kindly earth shall make for both of us a place.
And then I'll bring to the Lord a present from afar:
the little blade of grass from Ponar.

1981

*

For Yosl Bergner

Says a woman to her little boy: "That man at the next table
in the white hat – he's not a man – " "What is he then?" "A legend."
The child turns round to look. Then child and mother disappear,
the glow of sunset swaying in her dangling earrings.

"That man at the next table," says the woman, "is a legend."
A phoenix man, born from the ashes of a pyre,
is indeed a legend. But why does that legend
thirst constantly for the young murmuring of sounds?

פֿאַר וואָס איז די לעגענדע איבערצײַטיק און אײנצײַטיק
אין וווּנדן, עלעהיי אין אַ שפּיטאָל בשעת אַ מעסער
שפּאַצירט אַרום אין לײַב און ס׳זוכט אַנטרינונג אָן אַ קאָמפּאַס
דורך לאַבירינט פֿון אָדערן אַ פֿינקלענדיקער עיקר?

די שפּאָגל נײַע נאַכט איז לינד און צערטלעך ווי אַן אָקערשט
געלייגטע איי. דער מילכוועג – מיטן פֿוס אים צו דערלאַנגען.
דער פֿעניקס־מענטש בײַם טישל האָט אַ חשק אײַנצובײַסן
זײַן שרײַבנדיקע האַנט. ער וויל פֿאַרזוכן זײַן לעגענדע.

1981

*

אַ פֿויגל האָט געשפּילט אין אָוונט אויף אַ סטראַדיוואַריוס
און כ׳האָב געפֿרעגט אַ נײַגעריקער זיך אַליין: צו וועמען?
אַ פֿויגל שפּילט ניט אָן אַ זינען אויף אַ סטראַדיוואַריוס,
מסתּמא איז פֿאַרטײַעט אַ געהער, ס׳איז דאָ צו וועמען.

געוועז די גרייס אַ פֿינגערהוט, און סאַראַ ווווּנדער: נעמען
און שפּילן אויף אַ סטראַדיוואַריוס. ווי אַזוי? צו וועמען?
אַכיבע שפּרינג אַרײַן אין פֿײַער־מושל פֿון אַ קראַטער
און דאָרטן פֿרעג דעם לאַכעדיקן אַשמדאַי: צו וועמען?

צו וועמען האָט געשפּילט אַ פֿויגל אויף אַ סטראַדיוואַריוס,
דערבאַרעמדיקער גאָרנישט, זאָג צו וועמען?
אַ פֿויגל שפּילט ניט אָן אַ זינען ביזן לעצטן פֿלאַטער,
אַ נאָמען וויל איך הערן, אָדער נעמען.

און אַז איך האָב געפֿרעגט בײַם פֿויגל מיטן סטראַדיוואַריוס,
געבעטן רחמים האָט ער: ניטע, זאָלסט מיך ניט פֿאַרשעמען.
צעשיטן זיך אין אַש און פּאָרעך וועט מײַן סטראַדיוואַריוס
בשעת איך וועל דערוויסן זיך צו וועמען.

1983

Why is that legend beyond the reach of time, but at the same time
full of wounds, as if in hospital, and all the while a knife
